STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01571

DER KERN FUN ALE MAYNE LIDER

Melech Ravitch

Permanent preservation of this book was made possible
by June Nislick & Robert Levitt
in memory of their mother, Miriam Marcus Levitt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צייכנונג פון יצחק ברוינער

פארלאג „די צייט

נאָכדרוק פאַרבאָטן.
COPYRIGHT 1922
BY SOL SHEIKEWITZ
NEW YORK

* * *

געזעצט און געדרוקט:
דרוקעריי „רעקאָרד“ דזיקע 18

* * *

MEŁECH RAWICZ
DER KEREN
WYBÓR POEZJI
WARSZAWA 1922

מלך ראוויטש

דער קרן

פון אַלע מיינע לידער

∴ פון די ביכער ∴
אויף דער שוועל... / אין דעם
מאָרגנשטערנס ליכט / רו־
אינענגראָז / שפינאָזאַ / פרע־
היסטאָרישע לאַנדשאַפטן /
∴ נאַקעטע לידער ∴

1 9 2 2
פאַרלאַג די צייט / וואַרשע

פון בוך:
אויף דער שוועל...

1909—1911

מ י י ן ה א ר ץ א י ז א י ן מ י י ן ל ע ב ן

מיין הארץ איז אין מיין לעבן,
מיין לעבן אין מיינע לידער,
כ'האב ביידע דיר געגעבן,
מיין לעבן, מיינע לידער.

האָסט ביידע בלינד גענומען,
זיי זענען ווי אָפּגעבראָכענע בלומען
און שמאַכטן:
מיין לעבן אין ווילדע ווייען,
מיין ליד אין דיין נישט-פאַרשטייען.

די ביזט אַן אָרים, אָרים קינד

די ביזט אַן אָרים, אָרים קינד,
דיין בליק, דער שטילער זאָגט עס מיר;
ווען כ׳זע צו מאָרגנס גיין דיך אליין,
דאַן וויל איך וויינען שיר.

און כ׳בענש דיין אָרימקייט געהיים,
און בענש דיין שטילן קאָפּ, מיין קינד:
און זע די טרער פון גליק־באַגער,
וואָס קומט ביי נאַכט אויף דיין פנים און רינט.

און ביי נאַכט קום איך צו מיינע לידערס גאָט,
און וואַרף אים די קרוין צוריק;
— וואָס בין איך מיט מיין קרוין, מיט מיין ליד,
ווען ס׳וויל מיך נישט זען איר שטילער בליק!

ווינטער

פאַרוויג דיך האַרץ, עס שנייט, עס שנייט,
און מאָרגן וועט זיין אַ ווייסע וועלט,
און די שויבען מיט בלומען-גאָרדינען פאַרשטעלט.
אויף גאַסן ווייסע שנייט און שנייט.

און מיינע שויבען קושט דער שניי,
וואַקסן די ערשטע בלומען.
וווּנדערלעך-ווינטערלעך — זיס,
ברענגען זיי מיר ווייטע גריס
פון אויגן צוויי און צעפּ שוואַרצע צוויי.

די שוואַרצע אויגן און די שוואַרצע פלעכט
קומען, ווי קראָען, אין זינען אַציגד.
די קראָען קומען מיט שניי און מיט ווינט
אין ערשטע, ווייסע ווינטער-נעכט.

ט ר י ט א י ן ש נ י י

די שוואַרצע אויגן אויפגעמאַכט,
ביזט אויפגעוואַכט, אין ווייסער טראַכט
איז שוין די וועלט געקליידט געוועזן.
האָט מיידעל־בענקשאַפט אין דיר אויפגעבליט,
און ד'האָסט פול פרייד דעם שניי דערזען,
און אויף דעם שניי אַ שורה טריט...

איך ווייס, דיין האַרץ איז נישט פאַרמאַכט
צום סוד פון שריט אין שנייען־נאַכט.
און כאָטש דו קענסט מיך נישט, דאָך לאַנג
וועט בלייבען, ווי אַ חלום־ליד,
ביי דיר אין האַרץ, אין דיין געדאַנק
מיין איינזאַם־ווייטע שורה טריט.

צו א. מ. פ.

הײַנט פרי בין איך אויפגעשטאַנען.
געקומען איז שמערצפול דערמאַנען —
און דיך האָט דער ים שוין געטראָגן.

און זעסטו די ווילדע כוואַליעס יאָגן,
זיי זאָלען פון איינזאַמע טעג דיר זאָגן,
ווען כ'האָב דיר די ליבע פאַרשוויגן.

און אַז דער ווייטער ים וועט דיך וויגן,
דאַן זאָלסטו מיט זיין געוואַלטיגן ניגון
מיין פריינטשאַפט הערן ברויזנדיק זינגען.

און אַז די האָריזאָנטן=רינגען,
וועלען דיר גריסן אַקעגן=ברינגען
פון נייעם לאַנד, און דער לעצטער ים=ווינט וועט בלאָזן,

פאַרגעס נישט, אַז דו האָסט מיך איינזאַם געלאָזן.

לאכנדיקע אויגן

מיינע לאַכנדיקע אויגן,
גלויבט דעם לאַכען, דאָס איז מיין;
ווייסט נישט, אַז עס לאַכט נאָר איינציק
זייער יונגער אויגן־שיין.

מיינע לאַכנדיקע אויגן,
וועכטער פון מיין האַרצנס־שוועל,
לאָזן קיינמאָל נישט דעם טרויער
פון די שוועלן פון מיין זעל — —

מיינע לאַכנדיקע אויגן
זענען ווי אַ קינדער־פּאָר.
שפּילט איך, שפּילט איך מיט די קינדער,
נאָך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר.

אויף דער שוועל...

פון בוך:

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

1912—1914

ביים פענסטער

און אונטער מיר פיל שוואַרצע גאַסן,
און איבער מיר מיליאָנען שטערן;
די נאַכט איז קיל, און אין מיר זינגט
דאָס ליד פון נייגעבוירן־ווערן.

און אונטער מיר פיל שוואַרצע תהומות,
און איבער מיר אומקלאָרע וועגן;
איך גיי אַ נייעם לעבן — און
אַ נייעם טויט אַקעגן.

תפילה

ווען ס'ליגט דער חושך איבער גאַס און הויז,
און מיט די שוואַרצע פליגלען וויינט דער ווינט,
פון ווייטן בילן ערגעץ טרייע הינט,
היט אָפּ דאַן, היט מיין האַרץ פאַר זינד —
און שפרייט די שיצער־פליגלען איבער אומשולדיקע אויס!

ווייל ס'איז דאָס האַרץ אַמאָל צו שוואַך, דער גייסט צו בלינד,
די תאווה גייט מיט הייסע טריט דורך דעם געמיט
אין לייכטן קלייד, און ציט צום אָפּגרונט, ציט;
האַרשער פון די נעכט! היט דאַן מיין נשמה, היט
אין נעכט אַזעלכע אָפּ פאַר זינד!

און היט די גלייביקע, די יונגע, וועלכע וואַכן מיד,
און הערן נאָר צום בלוט פון האַרץ, און פאַרגעסן, אַז
דער ווייסער מאָרגן וועט באַלד אויפגיין איבער שטוב און גאַס
די תאווה וועט זיך טוליען אין אַ ווינקל בלאַס —
אָ, היט פאַר טעג אַזעלכע, די אומשולדיקע היט!

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

ד ע ר מ ו ט ע ר

פון ווינטערווייסע, שטראַלנדיקע קינדהייטסטעג
ביזטו — אַ צאַרטע פרוי — וואָס אויפצורייסן
פלעגסטו די טיר; און אין דיין יונג געמיט אויף ווייסע פעלדער ווייזן,
און מיטצונעמען פלעגסטו מיך, געדענק איך, אויף אַ ווייסן וועג — —
זילבערן לאַכנדיק — יונגע מוטער.

היינט לעשט מיין יוגנט ליבערייך און שמערצנרייך.
די שאָטנס ציען זיך, די שאָטנס זינקען;
די ערשטע, ווייסע זילבערפעדעם אויף דיינע מידע שלעפן ווינקען —
שוין זינגט מען דאָס אַוונטליד, זינגט מען פון יענער זייט טייך — —
זאָרגנדיקע מוטער.

פול מיט מידער בענקשאַפט וואַרטסטו אויף מיין יונגער מאַנעסצייט,
און זעסט מיין אָרעם שטאַרק זיך פאַר די לעבנבאַדערפטיקע שטרעקן
דו ווייסט די מידע אויגן מיטביידע הענט פאַרדעקן,
און כ׳וועל דיר געבן ווייליג מיין שטאַרק און טריי געלייט.
אַלטע מוטער. —

ל י ב ע

אײן טאָג אָן דיר איז אַ טאָג אָן ליכט,
און צװײ זענען שװאַרצער טױט.
מײן האַרץ פֿאַרגײט אין שװערער נױט
און רוט נישט איבער די נעכט.
מיט אַלע אָדערן רינט עס, מײן בלוט,
פֿון טיפֿן האַרצן קװאַלט עס הײס —
װײס:
צו דײַנע אָדערן קװאַלט עס, מײן בלוט,
אין דײַנע אָדערן רינט מײן בלוט.
אָ, גײ נישט! מײן שטאַרבנדיק האַרץ באַשװערט!
װײַל נאָך װעט קװאַלן דער בלוטיקער קװאַל,
װען דו װעסט זײַן װײַט אױף טױזנט מײל
און װעט זיך פֿאַרגיסן איבער דער ערד.

צו שטילע ליידן האָט גאָט פאַרמשפּעט

צו שטילע ליידן האָט גאָט מיך פאַרמשפּעט,
צו שטילע ליידן וואָס הייסן: לעבן,
און האָט דעם לעבן אַ טרייסט געגעבן:
דיך.

צו שטילע ליידן האָסטו מיך פאַרמשפּעט,
צו ליבע־ליידן, איינזאַם־לעבן,
און האָסט דער ליבע אַ טרייסט געגעבן:
טויט.

ד ע ר   אַ נ ד ע ר ע ר

איך קען דיך און איך ווייס, אַז ס'קאָן אַמאָל געשען
אין שוואַרצער נאַכט, אין ליבעס־ליכטיקע שעהן,
ווערסטו דערמאָנען דיין פאַרגאַנגען לעבן.
וועט עס אַ ווילדן ציטער געבן
מיט דיר, און דו וועסט וועלן צוריק צו אים
און וועסט אַוועקגיין אין דער נאַכט אַריין.

און דעמאָלט קאָן געשען, אַז איך וועל דוקא בלייבן רויק,
וואַרטן ביז צום מאָרגן־גראָען,
אָפּזוכן אין טישל ווייס פּאַפּיר פאַר בריף,
און אָפּשרייבן די לעצטע בריף,
און איינער וועט זיין הייס, באַגייסטערט, מוח־טיף,
דער בריף פאַר דיר:
און רויט וועט ער געתּמעט זיין
מיט מיינע שלעפּענס בלוט.

ל י ד

קום שטורעם!
מיין האַרץ איז ווידער ווילד,
מיין האַרץ איז ווידער גרייט —
מיין פרייד — —

קום נאַכט!
מיין האַרץ איז לאַנג שוין קלוג,
מיין האַרץ איז לאַנג שוין גרייט —
מיין פרייד — —

רייס אויס די רו,
שטורעם, שטורעם!
און איך בין איבערקלוג,
און מאַך די אויגן צו —
און הויך געלעכטער ציט —
מיין ווילד געמיט — —

בלוט

אויף דיינע לידער שוועבט רויטע שיין,
אַ יעדעס דריטע וואָרט: בלוט.
בלוט?
יאָ, — און ס׳איז דער אָטעם פון אַלע לעבנס,
און איז דאָס האַרץ פון אַלע ווייען,
און איז מיין שרעקן,
מיין איינציקער שרעקן — —

בלאַסע קינדער זענען איינגעשלאָפן,
דריימאָל שדי — לאַנג געצויגן,
דאָך האָבן ביינאַכט זיי אָפט אויפגעריסן
די גרויסע אויגן:
מאַמע!

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

פ א ר ז י י

און יענע, וואָס דו האָסט צו פּיינען זיי פאַרמשפּעט,
גיב נישט די דערקענטניש — גאָט!
צום עשאַפאָט
פיר בלינדע. —

און האָסטו קראַפט גענוג צו משפּטען, דאַן האָב דערבאַרעמונג
דערבאַרעמונג פאַר די מיליאָנען, גאָט!
טו מיט זיי גנאָד,
און שלאָג מיט בלינדקייט!

ווייל נישט פאַר מיר, נאָר פאַר די קלאָגנדיקע,
וואָס אַרום מיר, בעט איך דיך, גאָט!
ווי דעם, וואָס האָט
די טויזנט פּיינען און דערקענטניש אויך. —

און האָט דיין אוצרות-קאַמער נישט גליק גענוג פאַר אַלע,
איז דאָ דאָך בלינדקייט פיל, אָ גאָט!
היט דיך, היט
צו געבן די דערקענטניש
און צו געבן טויזנטפאַכע פּיינען.

פ אַ ר ז י י

II

און דו האָסט דיך דערבאַרעמט,
און האָסט זיי טויזנטפאַכע בלענדעניש געגעבן;
וויי, וויי דעם לעבן —
דעם בלינדן לעבן — וויי!

און וואָלסטו העל־זען זיי געגעבן —
זיי וואָלטן אפשר זיך פון שטויב געהויבן,
מיט פליגלען, העכער — אויבן —
פאַרלאַנגען גליק.

עס וואָלטן אפשר העל־זען־שטראַלן
אוועקגעיאָגט די נאַכט, די טויזנט פיינען,
ס'וואָלט אפשר אויפגעשטאַנען
אַ העלע וועלט
פון גליק.

ש ו פ ט י ם ח, י ח־כ א

ליין נאָך אין די ספרים, און דו וועסט געפינען,
אַז ער איז געווען שווער ווי אַ שווערט,
גדעון דער שופט, גדעון דער האַר.
און האָט צו די מלכי־מדין געזאָגט:
(זיכער זיין וואָרט, ווי דער וואָרף פון זיין שפיז)
— איך וואָלט אייך געשאָנקן דאָס לעבן, דאָך איר,
איר האָט מיט מיינע ברידערס געשטריטן
אין תבור, און האָט געבראַכט די בלוטן
פון מיינע לייבליכע ברידערס אויף אייך.
בלוטן אויף אייער קאָפּ.
און די נקמה איז גרויס ווי גאָט
און הייליק און הייליקער נאָך ;
און צייט איז בלוט.

קום נענטער, מיין יונג, קום יתר מיין זון;
שפּרעך הייליק דיין יונגע שווערט!
הויב אויף און ציק! און גיב צוריק
זיינע פעטערס בלוט דער ערד!

און יתר דער יונג האָט אין שרעקן געבליקט
צו גדעון דעם פאָטער און גאָר־נישט געוווסט —

און יתר, דאָס קינד, האָט די שווערט נישט געציקט.
האָבן די מלכי־מדין געלאַכט:
— האַ — האַ, האַ — האַ! קום אַתה ופגע!
פּאָטער שטיי אויף, שטיי אויף און שפּאַלט!
טו זיכער, טו באַלד.
טייער און בלוטיק איז אונזער צייט.
אַזוי ווי דער מאַן, אַזוי זיין געזונט,
און יתר דיין יונג איז אַ קינד נאָך, אַ קינד,
דו שופט, דו האַרטער האַר!
אַ קינד איז נאָך יתר בן גדעון.

פון בוך:
רוינענגראז

1914—1917

דער טורם פון מיין חלום גלאנצט אין דער זון,
און איך בין זיין טונקלער טויער;
פארשפעט נישט מיין טיף, און פארלאך נישט מיין טרויער, —
און טרעט אויף מיין שוועל!

דער טורם פון מיין חלום גלאנצט אין אַ לאַנד,
ווו דער הימל איז בלאָגאָלדן אויסגעשפּאַנט,
ווו דער אָטעם אָטעמט רו אין מיין בלוט;
קום אין מיין מיט.

דער טורם פון מיין חלום קלינגט אויף אַלע פּרי,
און נישט קיין געבעט, און נאָר ליבליד, געזאַנג,
עס קען נישט מיין לאַנד דאָס געבעט, נאָר דעם דאַנק, —
זינגען די ברכות איבער מיין לאַנד,
ווו דער הימל איז בלאָגאָלדן אויסגעשפּאַנט,
ווו ס'איז מער הימל ווי ערד.

דער טורם פון מיין חלום גלאַנצט אין דער זון,
און איך בין דער בעטלער פון זיין שוועל.
קלינגען די מטבעות אין מיין בעטל־שאַל:

רוינבעגראָז

רריזאַר — רדאַזאַן —

פאַריבערגייער קום אַריין אַמאָל,

אַריין!

רױנענגראָז

דאָס ליד פון ווערן

איך בין נאָך שוים, איך בין נאָך טרוים,
און בין נאָך נעבל און ווער, און ווער,
איך בין אַ נעבל, און קרייז, און קרייז,
איך בין אַ וואַסער און קריסטאַליזיר
דעם געטגעדאַנק אין מיר.

אַ טרעט נישט אין מיך נעבלקרייז,
איך בין נאָך יונג, זע ווי איך רייס,
איך דאַרף נאָך רו —
און דאַרף פאַרקלערטן טרוים.
וואַרף נישט די שטיינער, דיינע רייד
אויף מיינע וואַסער'ס קלאָרער פרייד.

איך בין אַ נעבל, און קרייז און קרייז,
איך בין אַ נעבל און ווער און ווער.
און מיינע לידער קרייזן מיט,
און קומען אָטמענדיק צו בלוט —

רויגנגראַז

פון די לידער פון קנעכט

און אַז מיר גייען אין דער זון:
די זון איז אייער, איז אייער אַליין.
דאַן ליגט די נאַכט אויף אונזער האַרץ
דאַן פרירט דער פראסט אין אונזער זעל
און דאַן איז נאַכט אין אונזער האַרץ,
איז נאַכט — —
איר זעט — און ווייסט דאָך נישט דאַפון.

און ווען מיר ליגן אין דער נאַכט:
די נאַכט איז אונזער, איז אונזער אַליין.
לעבט אויף די וועלט אין אונזער האַרץ,
און פרירט דער פראָסט אין אונזער זעל.
ערינערונג צערייסט דעם זין,
ערינערונג — —
איר זעט אונז נישט, און ווייסט אויך נישט דאַפון.

א י ו ו אַ ן

אפילו די מוטער האָט נישט געוויינט
ווען ער איז אַוועק צו זאָלדאַטן, ווייל ער,
ווייל איוואַן האָט נישט מער אַ מוטער געהאַט.
אַ שוועסטער האָט ערגעץ פון א ווייטער שטאָט
געפרעגט ביי אַ שכן אַמאָל אין אַ בריף,
און מער האָט נישט קיינער געפרעגט,
ווייל ער האָט נישט קיינעם געהאַט.
און ער איז געוועזן אַ קאַמעראַד,
וואָס האָט זיך געטיילט מיט דעם ביסן ברויט,
און גרויס איז געוועזן זיין הייליקע נויט,
ווען ער האָט ביי נאַכט אַמאָל טרויעריק געזיפצט:
באָזשע! באָזשענקאָ!
אַז ער איז געגאַנגען מיט טויזנט צוגלייך
צום שלאַכטפעלד אַרויס,
ווי וויי, אָ וויי, אָ איוואַן, אָ קנעכט!
און טויזנט זענען באַגלייט געוועזן רייך
מיט ליבע, און קיש, און אַ בלומענשטרויס,
איז אָרעם געבליבן זיין האַרץ און זיין ברויט,
און האָט געציטערט ווי די בוימער ביי נאַכט.

אין שטורמווינט ביי נאַכט.
ביי דער ערשטער קויל — זי האָט טויט געבראַכט —
האָט איוואַן די אויגן צוגעמאַכט,
ניינצן יאָר זיין בלוט — —
איך איינער ווייס, און איך וויין אויף זיין טויט,
ווייל איין מענש איז הייליק געוועזן און גוט,
אַ איוואַן, בלאָאויגיקער, שלאַנקער קנעכט!

רױבענגראָז

א ו י פ אָ ט מ ע ן

נאָר זעלטן, זעלטן, און נאָר פאַרנאַכט
הויב איך אַפיר דעם פאַרקלערטן בליק
אויף הויכע פענסטערס צעגליטער פראַכט,
און ס׳טרינקט דאָס געטלעכע אָוונטליד
מיין אָטמענדיק געמיט.

נאָר זעלטן, זעלטן, און נאָר פאַרנאַכט
הויבט אויף זיך צום הימל אַ הייליקער דאַנק
אין די צעגליטע פענסטערס געזאַנג,
און אויף די נפשות שוועבט לויטערער גייסט.

און נאָר פאַרנאַכט, און נאָר זעלטן, זעלטן,
גייט שטילער ווינט־שטויס פון אָטמענדער טרייסט
דורך מיינע פאַרקלערטע וועלטן.

און וווּ זאָל איך גיין...

און וווּ זאָל איך גיין, עס איז בלוט אומעטום,
און וווּ זאָל איך גיין, עס איז גאָלד אומעטום,
און אומעטום ליכט.

און מיינע הענט זענען בלינדע הענט.
ווער וועט מיך פירן ביי מיינע הענט
אַקעגן דער רו?

אוז מיין געדאַנק איז אַ שטומער געדאַנק,
קען קומען און וואַרטן ביי פרעמדע טירן
און פרירן.

קען קומען און וואַרטן, פאַרביסן און לאַנג,
און שטרעקן אַקעגן די גוטע הענט,
די בלינדע הענט.

וועט איינמאָל עמיץ אַרויס און פאַרפירן,
אַזוי ווי אַ צוגעלאָפענעם הונט
צו וואַלדיקע זומפן צו,
צו אייביקער רו.

רויזנגראַז

פון וועגעטאַרישן עוואַנגעליום

קצבים

די האַקמעסערס ליגן גרייט,
דרייצאַקיק און שאַרף,
די קלעצער טריפן נאָך פון נעכטיקן בלוט;
און הייגט פאַרטאָג,
ווען די בלאָע הימל־שטויב־שפרייענדיקע ראָסע
האָט יעדן מידן פאַרבייגייער געקושט,
האָבן זיך אין שעכטהויז די חלפים געגליטשט
איבער אויסגשטרעקטע העלדזער —
איבער אָדערן, ווי באַרגקוואַלן שוואַנגער מיט בלוט,
העלדזער פון לעמער,
אומשולדיק, גרויסאויגיק און סאַמעטפיסיק.

די האַקמעסערס ליגן גרייט,
און ס'איז אַ שווערער טריפנדיקער וואָגן
פאַר דער יאַטקע־קראָם פאַרפאָרן;
פאָכען די פערד —
און אַ יונגער קצב ליגט זינגענדיק
אין העלן מאָרגן, אויף יונגעם פלייש,

רויבענגראַז

אוּן דורך דער טיר הויטפּאַרביק שימערן
מיט מוסקוליאַרנע הענט, אַפּיר פון בלוטיקע אַרבל,
— יונגע קצבים

און ס׳ליגן די האַקמעסערס בלאַנק,
האַקמעסערס און זעגן
האַמערן די הענט
ברילט געזאַנג.

איז פאַר זיי געגאַנגען דער בלוטיקער טאָג,
האַקמעסערס האַקן, זעגן שניידן
און וועגן וועגט די וואָג
— ריפּנשטיקער

און ווען דער שוחט האָט פאַר דעם שלינגייין
— — דעם חלף דורכגעצויגן דורך אַ האָר
איז ווייס געדעקט געשטאַנען,
באַלייכט מיט אַ גליצערדיק, זעכצנפאַכן עלעקטריק,
און שטיצנדיק זיך אויף פיר שווערע, דעמבענע פיס
דער מעשבאַשלאָגענער טיש.
און צוועלף פאַר לייכטנדיקע אויגן
האָבן דורכאייַנאַנד, געשטראַלט אין שנעלן שמועס,
— און צוועלף פאַר טיפ־רויטע ליפּן

ריינעגראַז

(ווייל ווען די בלאָע, הימלשטויב־שפּרייענדיקע ראָסע
האָט יעדן מידן פאַרבייגייער געקושט,
האָבן זיך אין שעכטהויז די חלפים געגליטשט
איבער אויסגעשטרעקטע העלדזער —)

און אין דעם שימער־ליכט האָט ער געזען
אירע סאַמעטענע פינגער זינגענדיק איבער דעם ווייסן טעלער,
און אירע אויגן שמייכלען לעמער־מילד;
אָ אירע פינגער, געטלעכער געפלעכט:
העלפאַנטביינגריף פון מעסער און פון גאָפל,
און דאַמפנדיק און אויפגעשניטן
(אָ הייליגער גאַוטאַמאַ בודדאַ!)
אַ שטומע צונג פון זאַנפטן קו־קינד —

ער האָט זיין ליבעס בענקשאַפט נישט געקאָנט באַהערשן
זינט דער מינוט.
ער האָט פאַרגליכן זי צו דער מאַדאָננאַ,
וואָס גראָזן פלעגן אָטמען ביי איר בליק.

און ווען דער שוחט האָט ביי ראָזער מאָרגן־זון
באַטרעטן ווידער שוין די שעכטהויז־שוועל,
איז ער אין מידן שלאָף פאַרפאַלן,

רוינעגראַז

און האָט געטרייםט פון שימערדיקע הענט,
וואָס קענען גלעטן,
אַזוי גוט, ווי דער מאַדאָננאַס הענט.

רויבענגראָז

מיר קומענדיקער דור הימנע

ווער דאַרף דען די זיידבאַלדאַכימען, באַגילדעט מיט בליצנדער ציר?
ווער דאַרף דען די אייזערנע בעטן. —
גוט איז די הייליקע ערד — און ביינער, וואָס זענען די ביינער — —

ווער דאַרף דען די גילדענע בעכערס, ווײַנען, געבראָטענע הערשן?
ווער דאַרף דען דאָס ברויט, דאָס שווארצע. —
די קאָרע פון ביימער — און הונגער, — וואָס איז דען דער הונגער — —

ווער דאַרף דען די זונ־אוורעאָלן, דעם שם און די לאָורען־קרענץ?
ווער דאַרף דען דאָס שטילע; אַ גאון — —
עס קרינגט יהוה — און מענשן, וואס זענען די מענשן — —

ווער דאַרף די פּאַלאצן, די שיפן, די גאָלדענע בעכערס,
בלוט איבער זיי צו פּארגיסן?
ערגעץ אמאָל, אין אַ זייט פון אַ נאַכט אַ רגע פון שלאָף און פון טרוים,
און ערגעץ אמאָל אין אַ יום־טוב אַ קאָרע — —
און תמיד מיט גאָט און מיט הייליקער רו,
מיט געזאַלבטער רו —
מיר פירן אַ ליכטיקע וועלט;
מיר קומענדיקער דור. —

רוינעגראַז

פ אָ ר ב ר ו ד ע ר ו נ ג

און אונזערע נשמות, פּראָסטע נשמות,
ווי די נשמות פון ביימער אין וואַלד,
וואָס וואַקסן אין שאָטן, וואָס וואַקסן צו דער זון;
און אונזערע אָרעמס שטרעקן זיך און שטרעקן,
ווי פליגל ביים ערשטן הייליקן וועקן
פון זייער געהיימער קראַפט...
מיר זענען די ריזן פון גייסט,
מיר זענען די ריזן, וואָס זענען שוין גרייט
צו קוילערן העכער, העכער די ערד.
מיר וואַרטן צום רוף, צום רוף פון גאָט,
דאַן וועלן זיך אויסשטרעקן אונזערע הענט
און וועלן זיך אָנשפּאַרן אָן די הענט
פון דער ערד.
און מיר וועלן קוילערן, קוילערן שווער,
ביז מיר וועלן ברענגען זי אויף אזא אָרט,
ווו כוואַליעס ליכט לייכטן אייביק פאַרט,
ווו דאָס געטלעכע וואָרט
ציט זיך קלאַנגפול אין אייביקן אָטעם.

רווינגעגראַז

ש ט ו מ ע   ו ו י ל י ג ו נ ג

איך בין ווי די שטיינער אין די שטראָזן־עקן,
און קאָנסט אויף מיר טרעטן, וויפיל דו נאָר ווילסט —
און שווייגן וועל איך, ווי די שטיינער שווייגן,
איך וועל נישט קלערן קיין שלעכטס איבער דיר,
ווי די שטיינער, מיין פריינט.

איך בין ווי די שטיינער אין די שטראָזן־עקן;
דריי פיס די לענג און איין פוס די פלאַך —
ווילסט אפשר בויען אַ מקדש פאַר פרידן,
אַ מקדש מיט טערמער, שטילע ווי גייסט —
כ'בין דריי פיס די לענג און איין פוס די פלאַך.
האַק פון מיר אַ טרעפ צו דיין הייליק געמאַך — —

דאָס פאַרביקע ליד פון דער שנאה

זי איז צוערשט אַ גרינגלעך רויטער טומאַן:
די שנאה —
דאָס אומזעכטיקע געוועב פון אונזער טון און רוען,
און אונזער נשמה אָטעמט זי איין,
ווי אונזער גוף דאָס ברויט —

שפּעטער איז זי אַ שלייער גרינגלעך־רויט,
די שנאה —
די בלענדענדיקע היל פון אונזער טון און רוען,
און אונזערע טריטן בלאָנקען,
ווי טריט פון בלינדע —

און דאַן איז זי אַ גרינגלעך־רויטע קופּער־קייט,
די שנאה —
דער ברענענדיקער צאָרן פון דעם געקוואַלטן קאָפּ,
און אונזערע פינגער קרומען זיך און רייסן,
ווי הענט פון צופאַל־קראַנקע —

דאַן ברענט זי אין געהירן גרינגלעך־רויט,
די שנאה —
דורכזעכטיג־ווייס די פלאַם.

רוינענגראַז

45

איר אָטעם, ווי פייערצונגען פון ברענעדיקן פלייש —
און נאָר די ערד, די שוואַרצע, נאַסע בית־הקברות־ערד
וועט קילער מאַכן —

זינגט אויף דער גייסט

אָ לייכט, אָ לייכט, אָ דריימאָל לייכט!
און מיך האָט קיינער נישט דערגרייכט.

פון מיינע לענדן נעם די גאָרט!
און נעם דעם מאַנטל פון מיין לייב,
נעם די סאַנדאַלן פון די פיס!
אָ לייכט, אָ לייכט, אָ דריימאָל לייכט!
אָ זע ווי לייכט איך שליידער,
וואָס דאַרף איך אַלע קליידער?! —
— היינט?

אָ גייסט, אָ גייסט, אָ דריימאָל גייסט!
אָ נעם דאָס העמד — אָ וואַרט נאָך, וואַרט!
נעם מיינע קניען, נעם די הענט!
אָ נעם מיין לייב!
אָ זע — — איך בלייב —
אָ זע! איך בלייב — —
כ׳בין לויטער גייסט.
אָ זע איך טאַנץ, כ׳בין לויטער גליק;
אָ זע מיך הויך —
אָ זע אַנטפליען מיך אַנטפלין:
כ׳בין גאָטעס — זון — — —

ראָוויגנעגרו

אַ ל ו ע ל ט — ל י ד

אָ וווּנדערלעך, וווּנדערלעך, וווּנדערלעך מיר —
ווי אַלצדינג איז נאָענט, כמעט צו באַריר —
מיט אָפענע אויגן — דער שטערן הויך —
זע, ווי איך טרעט —
דורך העלע גאַסן פון הייליקע שטעט —
דערמאָן דיך דיין קינד־זיין, דערמאָן דיך דעם שימער
פון הייליקע שטעט —

אָ וווּנדערלעך, וווּנדערלעך, וווּנדער געשעט;
מיט אָפענע אויגן גיי איך צוריק
טויזנט צו דרייטויזנט יאָר —
אָ גרויסע ירושה, אָ גאַנצע וועלט!
דערמאָן דיך די זון פון פאַר אברם׳ס געצעלט —

אָ וווּנדערלעך, וווּנדערלעך, וווּנדערלעך היינט;
יאָרטויזנטן קומט לאָמיר טאַנצן פאַריינט —
טייכן און דערפער און הייליקע שטעט —
אנטלייבט איז דער גייסט,
און פאַרגייסטיקט דאָס לייב,
און דערהערט דאָס געבעט.

רווינעגראַז

און גרויס איז דער גאַסט אונטער אונז,
און גרויס איז זיין נאָמען, און אַלצדינג איז פריי —
אלהי — —

רויבענגראַז

פון בור:
שפינאָזא
פּאָעטישער פריוו

1917—1918

ליד פון זיין יוגנט

שוואַרצקינצלער בין איך, און וואַרף מיט וועלטן.
לייבן־באַציימער, און די ווילדע קעפּ
פאַלגן אויף די קלעפּ
פון מיינע שאַרפע בייטשן.
נאָר אין שוואַרצע נעכט בין איך מער ווי אַ קינד,
און ווייניקער נאָך ווי אַ זאַנג אין דעם ווינט,
יעהאָוואַה!

און אין רעגן־נעכט בליץ־דורכגעציקט,
ווען די שווערע שיפן פון אַמסטערדאַם
קרעכצן אויף דעם צעהוליעטן ים,
פאַלט אום מיין גייסט, אַ קראַנקער הונט,
פון מענשן פאַרטריבן, פאַרמשפּט פון דיר.
און ווי דער הונט, וואס פאַרלעשט, פאַרעקט.
ליגט מיין נשמה אויסגעשטרעקט,
יעהאָוואַה!

ווייל דאָס בלוט איז פאַרסמט,
די נשמה צעפלאַמט,
און די פליגל געפּענטעט מיט דיינע שטריק,

שפּינאָזאַ

און שווערער נעפּל הענגט אויף דעם בליק.
ווייל קווער דורך דער ברוסט פון מיין יונגן לעבן,
איז די שווערקייט פון דיין לייב געלעגן,
יעהאָוואַה.

שוואַרצקינצלער בין איך, כ׳שנייד קייטן־שלעסער
מיט אַ פאַרבאָרגענעם מעסער.
און אין אַזאַ נאַכט, ווען די בליצן בליצן,
ווען די מאַסטן קרעכצן ווילדע יללות־געזענג,
און די שיפ־זאָלדאַטן הוליען אין שענק;
און די שול, דאס האַרץ אין אַמסטערדאַמס ברוסט,
שטייט פאַר שרעקן פוסט,
האָב איך געלאָזט מיינע מעסערס קריצן
און האָב געזונגען דער פרייהייטס געזאַנג,
געפאַנגענער איך פון די פינעף טורעמס
פון דיין דת — יעהאָוואַה.

און בין אין רעגנס ווילדן גאַנג
אַנטלאָפן געוואָרן פון אייגענעם גייסט
אַנטלאָפן געוואָרן פון אייגענעם בלוט.
הערסט — שרעקיק קלינגען מיינע טריט
דורך דער נאַכט, וואָס שפייט דונער און בליק.
נאָר ווייט, און פאַר מיר איז אַ ליכטשיין ביי נאַכט,

און דער שאָטען גייט הינטער מיר;
דער סמן פון ניילעבן לייכט זיך אין האַרץ.
און פליגל וואַקסן אויף מיינע פיס,
אזוי ווי אַמאָל אויף די פיס פון לוט,
יעהאָוואַה.

איך וויל נישט דיין מילך, און וויל נישט דיין האָניק,
און וויל נישט דיין שוועבל, דיין פעך און דיין האַס;
און וויל נישט די קייטן, און וויל נישט די טורעמס,
די פינעף טערעמער פון דיין דת!

שפּינאָזאַ

דער חרם

אויף די אַמסטערדאַמער גאַסן ליגט בלייערנער נעפּל
פּורמאַנעס שעלטן, ס׳האַקן פּערדישע שריט,
אומגעזעענע אין מראַק.
אויף אַ יודישן הויף פּאַלט צו אַ קראָם־לאָדן מיט אַ שווערן האַק;
מיט שוואַרצע טיכלעך אויף די קעפּ שטייען:
אַ יודיש ווייב מיט צוויי יודישע טעכטער.
— סאַלאָמאָן, סאַלאָמאָן, גאָט גערעכטער,
קאָם שאָן אין שול צו שפּינאָזאַס מפּלה.

די אַמסטערדאַמער יודענשטאָט ווערט איינזאַמער, שבתדיקער, פּוסטער;
קאָפּ אויף קאָפּ אין שול, שוואַרצע ליכט, געיאָמער, געשריי,
[געפּליסטער:
שפּינאָזאַ, נאַר, משוגע, ברוך — הונט,
בענעדיקט — גזלן, גהינום, שלאָג, שינד, בינד!
— אַ — אַ פּולער שפּיי אין פּנים —
— עברה גוררת עברה —
(דער טיכער־סוחר סאַלאָמאָן מאָרטעיראַ.)

אַ יודעל קוויטשט: זע, ער גייט, ער אַליין, אָ, נאַ, זע;
בריסט פון יודישע טעכטער ציטערן, מאַמעס נעמען זיך צום וויינען.
נישט אמת! ענטפערט ווער; ס׳פאַלט אַ פּאַטש,

שפּינאָזאַ

קיין פתרון! קיין חלום! ווו? וואָס? ווער?!

פלוצלים שרייט חנן דער שמש, אַז די הענגלייכטער הויבן אָן צו
[ברומען:

— ער — ווערט — אפילו — היינט — נישט — קומען!

דער ארון גייט אויף, אַלץ ווערט אַנטשוויגן;

— טע — קי — יאָ! האָט עמיץ אין אַ ווינקל אויסגעשריגן.

דער שופר קרעכצט אָפּ.

און מיט אַ הייזעריקן קול הויבט אָן דער שוחט, דער בעל־תפילה;

(די מענער שעלטן שטיל, די ווייבער האַלטן זיך נישט איין און
[שרייען.)

זעקס טאָג אין אב ה'ת'ט'ז' — —

*

זעקס טאָג אין אב, ה'ת'ט'ז,

אין פיראונצוואַנציקסטן לעבנס־יאָר

פון ברוך בר מיכאל דעספּינאָזאַ,

האָבן נאָך לאַנגע ספקות געפונען מיר קלאָר און וואָר

דעם שווערן חשד,

וואָס יעדער פון אונז האט ממילא שוין לאנג אין דער שטיל געהאַט,

און מיר האבן געהאנדלט היילי, ווי ס'הייסט אונז דער דת.

און צווײמאָל געוואַרט פיר שווערע וואָכן,

און איצט, דאס לעצטע מאָל געשפּראָכן

אויף זיין טמא קאָפּ אזוי:

ב"ה

און אין נאָמען פון זיין הייליקער קהלה,
בפנים פון אלע ת'ר'י'ג מצוות;
פאַרשאָלטן זאָל ער זיין, אַזוי ווי ר'איז אַצינד פאַרקלאָגט
פאַר זיינע טונקלע מעשים.
די קללה, וואס מיר האָבן איבער אים געזאָגט,
זאָל האבן אזא כוח, ווי יהושע'ס קללות,
וואס ער האט געשאָלטן אויף יריחו!
ביי טאָג פאַרשאָלטן און פאַרשאָלטן ביי דער נאַכט,
ווען ער איז אָן א קריעת־שמע אין זיין רו געגאַנגען,
און איז אָן א ברכה אויפגעוואַכט,
און ווען ער גייט פון שטוב ארויס, און ווען ער איז אהיים־געקערט.
און זיין וועט גאָטס מחילה ממילא אים פאַרווערט —
ניין אדרבא, כביכולס צאָרן וועט זיך ציגדן העכער, הויך,
און שטייניקן וועט ער אים מיט די קללות,
מיט די שטיינער אויס א יעדן פון זייז פעסטונגס־טורעם
פון זיינע חומש־ספרים.
און וועט זיין שם פארלעשן, ווי דאָס וואַסער לעשט די פלאַמען,
און אפשיידן וועט ער אים פון די הייליקע צוועלף שטאַמען
אין משיחס צייטן, במהירה בימינו!
איר אבער, וואס איר לעבט מיט גאָט, איר זענט נישט אָרים

אמן. —
און ס'איז אַ קילער קרייז געוואָרן אַרום אים,
א ראָד פון ד' אמות איינזאַמקייט —
און ער איז נישט מער דורך דעם היינט געגאַנגען,
נאָר דורך דער אייביקייט.

און איז געווען איינגאַנצן ער אַליין
בענעדיקט שפינאָזאַ
אקעגן דער איבריקער וועלט.

ר י י נ ס ב ו ר ג

די פענסטער אָפן,
צוויי זיילען ליכט
צעלייגן זיך ווייט אויף דעם פוסטן דאָרפסוועג,
די ביימער שלאָפן,
און נאָר די שטערן
גייען אַ שטילן, אומענדלעכן וועג,
דער גייסט איז אויף, און ברענט
אויף דער קרבנות־שאָל.
ס'ציטערט דעם חכם'ס שאָטן אויף אַלע פיר ווענט,
דער האַרבער ריח פון דערקענטניש ווייעט.

און נאָר גלחים'ס און רבנים'ס פיילן,
שריפט אויף שריפט —
זשאַרענדיק פאַר קללות און טריפנדיק פון גיפט
איילן,
פייפנדיק דורך דער נאַכט,
צום שטילען הויז
— וואָרף אויף וואָרף
און טאָרמען אויף אַ וואַנט, אַרום
ריינסבורג, דעם גוטן האָלענדישן דאָרף,

שפינאָזאַ

אַז ער זאָל קיינמאָל נישט אַרויס פון דאָרט,
דער מלך אין דעם לאַנד: געדאַנק,
און גייסטיקסטער אין לאַנד פון וואָרט,
און רייכסבורג׳ס גוטעסטער און קלוגסטער פון דער גאַנצער וועלט.

שפינאָזא

ליד פון זיין עלטער

צו גאָט;

היט אָפּ מיך האַר פון טויט און פון לעבן
פאַר גליקלעכער עלטער, און גילדערנעם האַרבסט,
נעם גאַנץ אָפּ, וואָס דו האָסט האַלב געגעבן,
און זאָג אויף איינמאָל: שטאַרבסט!

האַק איבער אין מיטן בליען דעם בוים,
זאָל פאַלן ער ווייט אין בליונגס־געזאַנג,
פאַרשפאָר דעם גייסט דעם גילדענעם האַרבסט פון אבידערגאַנג.

ווייל שטאַרבן וויל איך קלאָר און באַוווסט,
מיט אייגענעם ווילן, אייגענער האַר,
פאַרשפאָר מיר אַן אויסגעבעטלט בעט,
און דעם פריינט פאַרשפאָר דעם פריינטלעכן צער.

צום מענש:

דאָך דאָס טויטפאַרשטאַרטע לייב זאלסטו נעמען,
און זאָלסט עס אינמיטן דער גאַס פאַרברענען,
מיט הויכען געזאַנג, מיין גשמהס פריינט!
און קינדער זאָלן טאַנצן אין ראָד,
זיי טאָרען נישט קענען דעם שרעקן פון טויט.

שפּינאָזא

און די קינדער, וואס וועלן טאַנצן אין מאַרק
אַרום דעם פייער פון פאַרשטאַרטן לייב.
זאָלן אויסוואַקסן הויך, און בליען שטאַרק,
און אויסוואַקסן צון אַ דור פון דער פרייד,
א דור פון גייסטיקער האַרלעכקייט.
מיט אָפענע אויגן, דערהויבענע קעפּ;
און אַזוי אין דעם גליק,
ווי דער רייטער אין ווייטן סטעפּ.

דער טויט

מיט צען פאָר הענט, מיט האַמערס, העק און זעגן,
איז דיין ווילן בעגאַנגען פאַראויס אויף די וועגן,
פון דיין פאַראיינזאַמט לעבן.

געצייכנט איז געוועזן דער חייטער גאַנג,
געדאַנק
האָט געטראָגן דאס וועג־ווייזער־ליכט.

מיט צען פאָר הענט, מיט האַמערס, העק און זעגן,
געגאַנגען איז דער ווילן דער ציל אַנטקעגן,
זיכער ווי דער זומערדיקער, פולער רעגן.

און אויף דעם ראַנד
פון פערציק־פערטן לעבנס־יאָר,
האָט דיך שוין אָפּגעוואַרט,
און פאַר דיין גרויסקייט אָנגעבויגן זיך גאַלאַנט
דער טויט —
און האט מיט וואסער, זאַלץ און ברויט
פאַרבעטן דיין גענאָד:
— ווליקט איין, מיין האַר, צו באַטרעטן די גאַסטגערייטע שוועלן
פון מיין שטילער שטאָט.

שפינאָזאַ

C3

אוּן דוּ האָסט אײַנגעוויליקט
מיט אַ שמייכל אוּן מיט אַ פאַרבייגונג.

שפינאָזאַ

דער לעצטער טאָג

אויף ווייטע גאַסן פון דעם שטילן האַאג
איז געשטאַנען די ווינטער־נאָכמיטאָג־זון,
און ס׳האָט אויף די קלויסטערס געלייכט זיך דאַפון
דער שניי אויף די קופּערנע דעכער.

אויף ווייטע גאַסן פון דעם שטילן האַאג,
האָט אויפגעלייכט אין די פענצטער דער צער
פון אָרימע שטיבער.
ס׳איז אונטערגעגאַנגען די זון פרי־פאַרנאַכט,
און אויף דער פּאַוויליאָנסגראַכט
איז אונטערגעגאַנגען די זון פון דיין לעבן,
איינזאַמער מאַן.
פאַרפריילינג שטאַרבן געשטאָרבענע פון לאַנג,
די שטילע, וואָס זענען לונגענקראַנק.

און ס׳האָבן דערלייכטערט צו הייליקער וועספּער
די קלויסטער־גלאָקן געזונגען באַגליקט:
דעם לעס—טע—רערס אָ—טעם דער—שטיקט איז, דער—שטיקט —
האָט איין גלאָק צו דער צווייטער געזונגען.

שפּינאָזאַ

נאָר אויס דעם געשריבענעם בוך אויף דעם טיש
איז אין דעם שטראַלן־נעבל געוואָרן,
און אויפגעשטאַנען א הויכער מאַן,
און האָט דיינע אויגן פאַרמאַכט מיט אַ קוש.
און אויפגעעפנט די שווערע טיר
און האָט זיך געווענדעט צו אַלע פיר
ווינטן פון דער שטילער וועלט.
אין איז אַוועק מיט אלע פיר ווינטן
צו דער גאנצער וועלט.

טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט

עס זענען געגאַנגען די כוואַליעס ווייט,
כוואַליעס פון פליגלוואָרט, כוואַליעס פון קלוגן וואָרט,
און אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט
צו דעם קוואַל,
זענען עקדיסן, שלאַנגען און גיפט
אין זייערע וואַסערס געווען
אַ דערהויבן בוך
טעאָלעגיש-פּאָליטישע שריפט!

און ווידער זענען געגאַנגען צוריק,
קוואַלקלאָרע וואַסערס פון טיפן בליק,
און האָבן געוואַשן די וועלט פון דעם וואָרט,
און אויף דעם גרינעם, דעם הויכן ברעג
אין דער זון,
האָט שימערגעבלאַנקט אַ יונגע געשטאַלט.
נאַקעט איז אויפגעשטאַנען די טאַט
פון דיין באַרימטן טראַקטאַט.

און ס'האָבן די מענער פון דת, די נביאים,
געדאַנקט פאַר דעם נייעם, דעם אמתן קיום

און ס'האָבן די ספרים, באַפרייט פון שפּינעב-נעץ,
פאַרייונגט זיך צו לעבן, פאַרייונגט צו געזעץ,
און זעגען ווידערגעוואָרן,
אַזוי ווי אין סיון די פעלדער פון קאָרן.

נאָר איבער דיר האָט געהאָנגען דער צאָרן
פון ברומענדיק-שווערע קירכגלאָקן-הערצער
און תוכחה-קללות האָבן געשפּיגן
אַ פלאַמען פאַר דיינע זיכערע שריט,
און האָבן געטראַכט נאָך דיין יונגען בלוט,
וואָס האָט געלעבט פון מילך און פון ברויט
פאַר פיר האָלענדישע קרייצערס אַ טאָג.

די בריף

עס איז געווען אַ צייט פון בלוט און טויט,
פון בלייערנע קוילן, און שוואַרצן, רייסנדיקן שרויט,
פון שטורקאַצן און פון קלויסטערפיין,
און פון שייטער־הויפנס, וואָס ברענען אין דער נאַכט אַריין.

און ס׳איז געווען די צייט
פון יענע קיסר־הויף־חכמים,
וואָס האָבען צלמים,
וואָס טראָגן קיין בליונג נישט,
אויף די בייטן פון דעם גייסט געזעצט,
וואָס האָבן פאַרמעט אין דער שוואַרצער פאַרב געגנעצט
און אויסגעצויגן אים אויף אַלע בלאָע הימלען
פאַר דעם ליכט.

איז דעמולט אומזעכטבאַר דיין קלוגע האַנט געווען,
און איינגעהילט האָט זיך דיין קלוגשאַפט אין דער נאַכט
פון נאָמענלאָזיקייט. —
און אויסגעלעבט האָט זיך דיין ליכט, און דיין געבענטשטע טיף,
אין לאַנגע און אומענדלעך קלוגע בריף.

שפּינאָזא

69

ס'האט אירע פֿאַרבּנרייכע בּלומען אויסגעשפּרייט

— אין זיי —

דיין ליבּע, און דיין בּענקשאַפֿט און דיין איינזאַמקייט.

שפּינאָזאַ

די עטיק — געזאַנג

איבער די כוואַליעס פון גייסט איז געגאַנגען
דער שטורעם מיט אַלע טיפנגעזאַנגען,
דער שטורעם מיט ווילדן ים־פייגל־געשריי,
פאַרביי —

און האָט די כוואַליעס אַראָפּגעטריבן,
ביז ס'זענען קיין שטילע כוואַליעס געבליבן,
און ס'האט זיך פאַנאַנדערגעשלאָסן זיין מויל,
און דריימאל האט זיך עס איבערגעגאָסן,
און איז געווען א געוואַלדיקע קויל
פון פאַנאַנדערגערירטן גייסט,
וואס איז אין דער וועלט עלעמענט,
און איז געוועזן אין דיינע הענט.

און ס'האבן די כוואַליעס ארויפגעטראָגן,
ארויס, אויס דעם טיפן הארצן פון שטורעם
א וואקסנדיקן טורעם,
און ר'איז אויף דער אויבערער פלאַך געבליבן,
און איז געוועזן נור אַ געשריבן
בוך —

שפינאָזא

די עטיק — גאָטבאַגריף

אומענדלעכע אויסשפרייטונג, אייביקער געדאַנק.

סובסטאַנץ.

אין אַלע חלקים איז ער גאַנץ,

גאָט.

פון אַלע שטערן לייכט ער אַפיר,

פון אלע אויגן לייכט זיין שיין,

מיט אלע זאכן רירט ער דיך אָן,

אין אלע אָדערן לעבט ער דורך דיר,

יעדן אָטעם אטעמט ער איין,

און אלע ווערטער אטעמט ער אויס,

ער איז מיט דיר אין דיין יעדן ריר,

וואוינט אין אלע שטיבער פון דיין הויז.

אין יעדער פרייד זינגט ער הויך מיט דיר,

און וויינט מיט דיר פון אַ יעדן צער.

און ער וואַקסט מיט יעדן גראָז אין דער הייך,

און וויאַנעט טיט יעדן בלאַט אויף דער ערד.

דורך אַלע טייכן קומט זיין געזאַנג,

דורך די מדבריות שטורעמט ער זאַמד,

און פלאַמט

שפּינאָזאַ

מיט יעדן פייער צישנדיק שארף, ווי אַ שלאַנג.
און הוזשעט ביי טאָג דורך געמאַרקן אין שטעט,
און ציטערט אין יעדן געבעט
אין נאַכט־דערטראָנקענע דערפער,
שרייט אויף מיט יעדן געבוירענעם קינד,
און שטעלט זיך ביים גוסס צוקאָפּנס פון בעט,
ער וועט
אליין גיין מיט אים פון דער וועלט.

מ ע נ ש ל ע כ ע ד ע ר ק ע ־ ב ט נ י ש

קאַנסט אויך דײַנע בענקשאַפטן שנײַדן אַזוי,
ווי די שניטערס שנײַדן דאָס קאָרן אויף דעם פעלד;
קאָנסט אויך דײַנע בענקשאַפטן ברענען אַזוי,
ווי די פּאַסטוכעס ברענען דאָס שטרוי אויף דעם פעלד?
איז דײַן די וועלט.

קאָנסט אויך פון דײַן אײנזאַמקײט טרינקען אַזוי,
ווי דער שניטער טרינקט אין דער מיטאָגזון;
קאַנסט אויך דײַן געוויין דו דערשטיקן אַזוי,
ווי עס דערשטיקט איר פליג די שפּין?
איז דײַן די זון.

קאַנסט אויך דערהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך,
ווען די שלאַנג פון דער קרענק וועט דיר נאָגן די ברוסט;
קאַנסט אויך רעדן שטיל, רעדן טיף, רעדן גוט,
און קײנעם נישט זאָגן אַמאָל ווער דו ביזט?
ביזטו גרויס.

אָבער די בענקשאַפטן הענגען אָן דיר,
ווי קײטען אָן פיס פון די שיפער־קנעכט.

שפּינאָזאַ

און די איינזאַמקייט שטיקט דיך, געוויין איז אין דיר,
ווי דער שרעקן אין מיטערנעכט.

שפינאָזא

פ אַ ל

די אָדערן אָן די הענט פון מיין גייסט זענען געשפּאַנט און בלאָ,
די שיף פון גליק און פון רו גייט אונטער,
ווייז וואונדער,
לעצטע אָנלען אין דער לעצטער שעה!

נאָך אַ רגע האַלט אויס
געלענדער פון גייסט.

די מאַסטן ברעכן זיך, די הערצער שפּרינגען.
געזאַנג קומט פון טויזנט שטאַרבנדיקע לונגען — —
נאָך אַ ווייל — —

אל —
מלך נאמן שמע —

שפּינאָזאַ

אפטימיסטיש ליד

צוויי־הונדערט יאָר, און הונדערט שייטער־הויפנס,
ברענען צווישן מיר און דיר —
גייסט אָן שיעור,
ווער זעט דיין גלאַנץ — ווער קען דיך גאַנץ.

צוויי־הונדערט יאָר און דיין געוואַלטיק שווייגן
ליגן ווי לייבן צווישן דיר און אונז.
ווער זעט דיך גאַנץ, ווער קען דיין גלאַנץ.

צוויי־הונדערט יאָרען, אבער מיט יעדן יאָר,
וואַקסט דיין געדאַנק מיט רייכער, שטילער מאַכט,
מיט באַרגקוואַל־קראַפט און קיינמאָל נישט מיד,
אייביק, זינג אויף!
איינס, צוויי, פיר, אַכט.
ווי ציטערניש פון דער מיט פון דער ערד,
האט ער זיין וועג גענומען,
און איז שוין אזוי נאָנט געקומען,
אז אלע, אלע פילן שוין דעם גאַנג,
און די נפשות הערן א געזאַנג.
ס'וועט קומען, קומען, קומען אמאל,

שפּינאָזאַ

אין דרייהונדערט, אדער דרייטויזנט יאר.
אז דאס ליכט וועט זיין דאָ, אומעטום, אומעטום,
און די ערד־איבערפלעך וועט צעבליען זיך,
אויף איינמאל אינגאַנצן, אזוי ווי דער וואַלד.

ר ו

שטורעם, שטורעם, שטורעם!
האַלט אַיין דיינע אָטעמס, פאַרלייג דיינע פליגל,
פאַרמאַכט איז דיין לייב מיט אן אייזערנעם ריגל.
ווי דאס פאַרשרומפּענע מוטערלייב
פון פרויען, וואָס האָבן נישט ליבגעהאַט.

און מיינע טויערן וואַרטן אויף דיר,
געעפנט זענען זיי אלע פיר
אין דער גליונג פון דער מיטאגזון
רוע, אומענדלעכע רו!
מוטער פון אלע פריילינגישע בליטן,
מוטער פון זאנגען, וואָס ווערן געשניטן,
מוטער פון אַלע שוואַנגערע פרויען,
מוטער פון אַלע צעדערן פון גייסט,
קום און באַפרוכפער מיט דיינע טריט
מיין איינזאמען גאַרטנס איינזאמע מיט;
די גאַרנדיקע געדאנקען־ערד.
רוע דו, רו!

אין ליכט

אַזוי ווי דער עפּלבוים שטייט אין דער זון
פאַרפרי נאָך די אָסיען־נעכט,
פאַרקלערט און פאַרוויקלט אין שטראַלנ־שלייפן, ראָסע־טרערן;
אריינגעטון גאַנץ אין זיין צייטיק־ווערן;
שטיי איך אין דיין ליכט.

אַזוי ווי דער עפּלבוים זינגט יעדן מאָרגן,
די בלעטער זשומען און די פּירות שמעקן,
מיניעט ער זיך אין גאלדענע פלעקן,
און ציטערט פאַר לוסט.
אזוי צייטיק איך אין דעם ליכט פון דיין וואָרט.

דעם גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען אין ליכט,
און אומענדלעך רויט איז פאַרגאַנגען די זון,
אַז דער בוים האָט געשימערט רויטגאָלדן דאַפון,
און נישט מער פאַרגאַנגען איז גאָלדענע שיין
אויף זיינע פּירות. פון זייער מעריב־זייט
איז איבערגעבליבן רויטגאָלדנקייט.

ס׳איז איבערגעבליבן פון הויכע רייד
אַ גאָלד־געוועב אין מיין נשמה׳ס קלייד.

שפּינאָזאַ

און פון דיינע ביכער דער צייטן־שטויב,
האָט זיך אויפגעהויבן און פרושעט מיט שימער
אין מיינע לידערס אומענדלעכן לויב.

שפּינאָזאַ

אָ פ ה ע נ ג י ק י י ט

באַשערט איז מיר אפשר אַ לייכטער צו זיין,
אַ לייכטער פאַר מיין דור,
אַ וועגווייזער אפשר, וואָס שטייט אויף דעם וועג,
אויף דעם אומענדלעכן וועג צו גאָט. —
דו אָבער ביזט דאָס ליכט פון מיין ליכט,
דער לייכטער פון מיינע אייגענע נעכט
שפּינאָזא.

ס'איז אפשר באשערט צו מיין נאָמען אַ קלאַנג,
וואָס לייכט דעם קבר אַריבער נאָך לאַנג,
און צו די מטבעות פון מיין גייסט,
איז אפשר באַשערט אַ באַזונדערער ווערט;
דיין נאָמענס קלאַנג קלינגט אָבער אין מיר
און ציטערט לאַנג,
ווי דער גאָלדענער, דרייפאַכער האָלאַנד-גילדען
ביים אָרימסטן פישער, ביים ברעג פון ים;
ווייל ס'הונגערט דאָס קינדוואַרק פון מיין האַרץ,
רייכער, געוואַלטיקער מאַן.

באַשערט איז מיר אפשר אַ לייכטער צו זיין,
וואָס לייכטן וועט ווייטער קיין מזרח צו:

שפּינאַזא

בײַ דיר האָב איך אָנגעצונדן די קנויט,
און געלײַבט זיך מיט דײַן נשמה'ס ברויט,
אײדער איך האָב מיך גענומען אין וועג
אַנידערצושטעלן מיך ערגעץ־ווו
. אויף דעם ווייטן וועג, קיין מזרח צו.

קאַטעגאָריש ליד

און דו געוואַלטיקער יאָרטויזנט־האַרשער,
געזעצגעבער, מאַן מיט די שטיינערנע לוחות!
מאַן מיט גינגאָלדענע הערנער־שטראַלן,
שטייניגער, מענשנפאַרבערענער!
באַשעפער פון כהונישן יחות!
טרעט אָפּ, צון אַלדי רוחות!

און דו געקרייציקטער, בלוטטריפנדיקער,
מיט דעם שטראַלנראָד און דער שאַרפער קרוין,
פאַרטיילער פון גוטע און גילדערנע טרוימען!
בעטער מיט הענט פולע זיסן גאָלד! —
בלייב הענגען, אויב דיר איז דער צלם האָלט!

ווייל איך בין ווייטער געגאַנגען אַ האַלבע ערד,
און העכער מיט זעכצן־מאָל־הונדערט יאָר,
ביז צו דער קוזניע פון גייסטיק מעטאַל,
וו דאָס מענשלעכע האַרץ איז געוואָרן געפּרווט
מיט שווערע האַמערס — לאָגיק.
מיט זעגן פון ווערטערס שפּיציקע קאַנטן,
מיט שנייד־דיאַמאַנטן

שפּינאָזאַ

פאַר דורכזעכטיק קלאָרע גערדאַנקן.
דאָ קום איך מיר נעמען די שטאָלערנע קייט,
די אַנקערקייט צו דער אייביקייט.
וואָס פירט אַ זיכערן שנייד־גלייכן וועג
פון זיך אַרויס, פון דער טיפסטער טיף,
און אַזוי פאַרביסן ספּעקולאַטיוו,
און אַזוי מענשלעך טיף,
מענשלעך טיף.

שפּינאָזאַ

פון בוך:

פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן

1920

I

דער מענש און זיין גאָט

דער אדם האָט געוווינט ביים ברעג, פון דער זייט ים,
אויף אַ גראָען פעלזן־באַרג.
און פון יענער זייט פון ווייטן, בלויען ים
האָט געוווינט זיין גאָט.
און אָפט ביינאַכט
אַז די אָוונט־וואָלקן האָבן זיך פאַרצויגן,
האָט אדמס גאָט, אַ זילבערווייסער, קיילעכדיקער, שטילער
פּאַמעלעך זיך באַוויזן, אויפגעזעצט זיך אויפן ווינט
און אַרויפגעפלויגן
אויפן הימל.
און האָט געשמייכלט, זעענדיק ווי אדם ליגט
מיט זיינע ווייבער און מיט זיינע קינדער שלאָפנדיק.
און ווי אַ ווילדער חזיר האָט געטראָפעט אדם אין די נעכט.
און אַז אַ ווייב האָט אים געוועקט ביינאַכט,
פלעגט ער אויפשטיין בייז און הייס
און — האָט זיין גאָט דערזען,
ווי ער וואַכט איבער אים פול ליבע.
האָט ער זיך אויפגעשטעלט ביים ברעג
און צוגעלייגט די הענט צום שוואַרצן, ווילדבאַוואַקסן־ברייטן מויל,
ווי אַ קורצן האָרן
און אַ געשריי געטון;

יאַ־אַ־הווע!
און האָט זיך פריידיק אויף אַ קול צעלאַכט.
און אַז די ווייבער און די קינדער האָבן אדמס שריי דערהערט,
זענען אויפגעשטאַנען זיי און געבוקט זיך צו דער נאַכט־קילער ערד;
אָבער ס'האָבן זיך די זויגנדיקע אויף אַ קול צעשריגן,
און בייז געוואָרפן זיך, נישט ווי סנדיק ווו די ציצן פון די מאַמעס ליגן.
און די מאַמעס ציצן זענען צו דער ערד געהאָנגען
פאַרכטיקע פאַר גאָט.
און גאָט האָט זיי געענטפערט מיט אַ מילדן שמייכל,
און האָט זיין ייִנגל־פּנים מיט אַ וואָלקן צוגעדעקט.

II

אָ ד מ ס   מ ו ט ע ר

דעם אדמס מוטער איז געוואָרן אַלט,
איז בייטאָג געלעגן נאַקעט אין דער זון
און געמרוקעט אין דער וואַרעמקייט.
און ס'איז די פרוכנע קאָרע־הויט פון איר דאַרן קנאָכן־שטאַם
געוועזן פול מיט קריכנדיקע ווערעם.
און אַז זי האָט אָדמען דערזען קומענדיק פון ווילד־געיעג,
האָט זי, פריער פאַר די קליינע קינדער, אויפגעכאַפּט זיך
מיט אַ הונגעריקן פרעג:
מאַמען, עסן, דו געברענגט?
זענען אדמס ווייבער אריין אין רויטן צאָרן,
און אדם איז אַליין פאַר מידקייט אין כעס געוואָרן,
און האָט געשפּיגן
צו דער קאָרע פון דער מוטערס פנים:
גיי ליגן!

III

דער מוטערס טויט און אדמס ליבע

דעם אדמס מוטער איז געוועזן אַלט,
און ווינטער איז געוועזן;
איז זי געלעגן צווישן אַלטע ציגן־פעלן
און האָט געדעוועט הונגעריק, פול צער.
איר רוקן איז געוועזן, ווי אַ בוים אויף צוויי געבראָכן,
און אירע ווייסע האָר שוין אויסגעקראָכן
פון צופאַלנדיקער הויט,
און שאַרפער, הונגעריקער ווינטער איז געוועזן,
ווייל אדמס יונגסטע ווייב האָט צוגענומען אַלע גוטע ציגן־פעלן
פאַר איר ווארעמען געלעגער,
ווייל אדם האָט אין איר געפונען שטאַרק געפעלן,
און ער האָט ליב געהאַט די זאַטע, ווייכע וואַרעם פון איר בויך;
און איז געקומען קאַלט און כמורנע אין דער מיטן שוואַרצער נאַכט,
האָט ער אין ווינקל האַרט אַ וואָרף געטון, צוויי פאַרפרוירענע טויטע ציגן,
און צום געלעגער פון זיין יונגסטער איז ער צו
מיט אַ מיד און ציטערנדיק געפליסטער;
דו — לאָז מיך ליגן.
האָט זי געענטפערט שטיל, און אירע אויגן האָבן גרין געגליט:
דיין מוטער איז אַ שלעכטע, אַלטע, פרעסט און פרעסט,
און האָט מיך היינט געשלאָגן, מיך, דיין הייסע.
קענסט זי דאָך פון דאנען טראָגן איצט,

און אין שנײ באַגראָבן,
און קום צו מיר צוריק,
הײסער מײנער
דו.

און אדם האָט גענומען בײ די פיס זײן מוטער,
און האָט זי אײנגעוויקלט אין אַ פעל פון ציגן,
האָט זי פול רציחה און פול שרעקן אויפגעשריגן און געשפּיגן,
און אדם האָט גענומען און געטראָגן ווײט פון דאַנען,
ווו עס איז אַ אָפּגעהאַקטער שטאַם פון אַ לינדנבױם געשטאַנען
און מיט אַ האַק פון שטײן האָט ער גענומען האַקן
אַ קבר אינ׳ם האַרטן שנײ.
און צו דער מוטער זאָגט ער: שטײ
און וואַרט!
און אַז דאָס קבר איז געווען גוט,
האָט ער אײנגעוויקלט זי, און אײנגעהילט זי אין איר פעל פון ציגן,
און זאָגט: בײ ליגן!
האָט זי געררעוועט: איך, דיך, געהאַט, געבוירן.
זענען טרערן אויף זײן האַרטער באָרד געפרוירן,
האָט ער די מוטער צוגעדעקט מיט שנײ און איז געבליבן שטײן,
און האָט זיך אײנגעהערט צום רעוועדיקן, אונטערערדישן געוויין,
ביז. עס איז פאַרשוויגן.
און אין דערהײם איז ער צו צום געלעגער פון זײן זיסער:
הײסע, לאָז מיך ליגן.
און זי האָט אויפגעמאַכט איר נאַכטיק-הײסע שויס,
און אדם האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זײן גאַנצער גרויס.

פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן

IV

דער מענש און דער שכן

דער אדם האָט געוווינט ביים ברעג פון ים
אויף אַ פעלזנבאַרג,
און אויף אַ צווייטן פעלזנבאַרג,
נידריקער
האָט געוווינט זיין שכן.
איינמאָל האָט אים אדם אין אַ וואַלד באַגעגנט,
שפעטער זומער האָט שוין קאַלט גערעגנט,
און ער האָט געזוכט נאָך יונגן עוף און אָדלער-אייער
פאַר זיין יונגסטן ווייב,
וואָס האָט אים יונגע צוויי געוווּנען.
און דער שכן האָט געהאַט אַ קרוג פון רויטן שטיין,
און אדם האָט געהאַט אַ קויש פון ים-גראָז.
איז אים דער קרוג פון רויטן שטיין געפעלן,
ער האָט געוואָלט אים פאַר זיין יונגסטן ווייב אַנידערשטעלן,
פול מיט וואַסער פון אַ זיסן קוואַל.
האָט ער געגאַרט זיך מיט זיין שכן אָפּצובייטן
און האָט אים אָנגענומען ביי די זייטן,
וועלנדיק אַ שליידער טון.
האָט פלאַם זיין קאָפּ דעריאָגט, האָט ער זיך יעמערלעך צעשריגן
און איז געבליבן ליגן.
און ס'האָט זיך אים אַ באַכט געחלומט,

אַ רגע לאַנג פול שוואַרצלעך־רויטן שמאַרץ —
דאַן האָט ער זיך דערמאָנט און אויפגעשטאַנען,
און אין די פעלעכעס איז אים פאַרקלעפּט געווען דאָס בלוט,
און אדם האָט דערפילט דעם כוח פון זיין שכן,
ס'איז אַ מורא אין זיין האַרצן אויסגעבראָכן
האָט ער געקלערט צו בעטן ביי זיין גאָט.

V

דעם אדמס געבעט

און אדם האָט געבויט און האָט געבונדן
שטאַם צו שטאַם און צווייג צו צווייג,
און האָט געמאַכט אַ שטאַרקע שיף
און גאָט איז נאָענט דאָ.
פאַר דער נאַכט
איז עד צו צום יונגסטן חייב,
האָט די יונגע אירע אָפּגעריסן פון דער מוטערס ציצן־לייב
און צוזאַמען זיי געבונדן מיט אַ צווייג.
אַז די מוטער האָט געשריגן,
האָט ער אַ טריט אין בויך געגעבן:
שווייג!
און האָט די יונגע פונ׳ם הויכן פעלזן גלייך און ווייט אין־ים אריין געשליידערט,
זענען זיי פאַרזונקען און דערטרונקען
מיט זייער רויטן לייב, מיט זייער־רויט געוויין.
און אדם האָט געקלערט:
גאָט וועט זאַט זיין, גאָט וועט גוט זיין — —
ווי אדם — איך —
און האָט זיך אויפגעזעצט
אויף זיין שטאַרקער שיף,
און ווינטשטיל איז דער ים געווען,

און נאָר די ערשטע שטערן האָבן אויף זיין פלאַך געציטערט,
און אָדם האָט געראָדערט און געראָדערט —
צו גאָט —
און ס'איז געווען אַזאַ נאַכט, ווען גאָט באַוויזט זיך נישט

VI

אדמס טויט

און אדם איז געשוואומען און געשוואומען,
און האָט געקלערט צו בעטן אויף זיין שכן,
אַז גאָט זאָל אים צעברעכן מיט זיין דונער,
ווי ער האָט היינט די בוימער פאַר זיין שיף געבראָכן,
און דעם שכנס קרוג פון רויטן שטיין
וועט ער דאַן אָנפילן אַליין,
ער, אדם,
מיט זיסן בלוט פון זיין זיסטן ווייב,
דאָס וועט זי מיט ליבע שענקען פון איר לייב,
ער אָבער וועט עס אויסגיסן פאַר גאָט אין ים־אריין.
און גאָט האָט ליב דאָס זיסע בלוט פון ווייבער.
אזוי האָט ער געקלערט און איז אַזוי געשוואומען.
נאַכט איז איבערן ים געפאַלן
און שוין איז אדמ׳ס שיף געגאַנגען שווערער,
ווייל שוואַרצער איז די אומענדלעכע נאַסקייט שוין געוואָרן,
און גאָט איז נישט צו אים, און ער איז נישט צו גאָט געקומען.
דער ברעג האָט אויסגעגלייכט זיך און פאַרשוווּנדן
פון זיין אויג.
האָט ער אָפּגעלאָזט די רודערס פון זיין שיף
און האָט געטון אַ רוף,
גאָט האָט נישט געענטפערט, —

און אויף איינמאָל האָט אַ ווינט זיך אויפגעהויבן
אויבן
און אין די טיפן אונטן
האָט די שטערן אויסגעלאָשן,
געוויגט מיט שווערע, שוואַרצע כוואַליעס.
איז אדם ווידער אויפגעשטאַנען, און פול שרעק,
צום שוואַרצן חלל, וואָס איז געווען אמשר בּרעג,
האָט ער געשריגן:
— יאַ-אַה-ווע! ביסטו דאָ!? —
און דער ווילדער ווינט האָט מיט אַ קאַלטן קוויטש געענטפערט:
— האָ-או-או-או! —
— או-או! —

פון בוך:
נאַקעטע לידער

1918—1921

וו אָ ס א י ז ד ע ר ד י כ ט ע ר

וואָס איז דער דיכטער?
ווער סע וויל דער ענטפערט צו דער נאַך און שטיל,
איינער זינגט אויף!
דער בייזער אָבער שפּייט.

און איך זאָג דיר אַזוי:

וואָס איז דער דיכטער —
אַ שווערער חיין אין דער נאַכט פון דער וועלט,
די לעצטע טרייסט פון אַ פאַרלאָזטער, אַלטער מוטער;
זי לייענט זיינע וווּנדערלעכע מעשׂיות,
לייענט די פאַרגעלטע לידער-בענד און די ראָמאַנען,
זיי שיטן זיך פון מאָל-שטריך און פרישען מיט דערמאָנען, דערמאָנען.

ער איז דער זונהס פינקלדיקער, שלאַנקער האָפנונגס-כוס,
פול פרישער ליבע, יוגנט און יעדנמאָלס צוזי,
ווי ס'איז געווען און קומט שוין קיינמאָל מער נישט אויס.

דעם דיכטערס פעלדער זענען ערד-מקלט
פאַר געוועזענע וועלט-באַגליקער.
זיי ווייגען אין דעם שאָטן פון זיין גאָרטנס בלעטער,
און קומענדיק צו זיך הויבן זיי, פול צער, אויף די האַק: געדאַנק,
און האַקן ווילד, און שווערע שטיקער;

שטיק פאַר שטיק, פון די געשניצטע מאַכטיקע זיילן, טרוים-
[באַלאַסטן,
וואָס זענען אויך אַמאָל געווען מאַסטן,
אויף די שיפן פון דעם ים פון זייער וועלטנליבע.

וואָס איז דער דיכטער —
דער וועלטס געוויסן.
שברינגט אום ביינאַכט אויף בלעכערנע דעכער,
וואָס לייכטן זיך אין ווייסן ליכט,
שלייכט זיך אַריין אין די מערמעלנע געמעכער
פון דעם זינדיקן געשלעכט.
קרייסט פלוצלינג אויף די טירן, אַז דער ווינט ציט דורך די שטיבער,
האַקט זיי ווידער צו. —
דער שלעפער וואַלגערט זיך אויף זיידנצייג,
זעצט אויף זיך, און צינדט אָן אַ ליכט,
און הערט זיך איין — —
אַך — וואָס קאָן דאָס זיין?
ווער גייט אין מיינע שטיבער אויס און איין?
ווער מאַכט די טירן מיינע אויף און צו? —

וואָס איז דער דיכטער —
דער וועלטן-שופט!
זיצט אין די ברעמען, פאַרבייסט די ליפּן,
שניידט אויף דער וועלטס נשמה אויף אַלע אירע פּרטים,
און שפּרעכט געוואַלדיקע משפטים,
וואָס שפּרעכן יעדן פריי:

נאַקעטע לידער

פֿאַלשע רבנים, רוצחים־גלחים שטינקענדיק פֿון בלוט און זנות,
ביז
צו די בלוטטריפֿנדיקע בני־מלכות.
גנבים און גזלנים מיט לעדערנע פּנימער און טרוקענע הענט,
מיט קליינע און קעצישע אויגן,
און יענע וואָס האָבן געשענדט און געברענט,
מכשפֿים, בלוטזויגערס און תּליינים.
ווייל אַלע, אַלע זענען משוגעים.
און נאָר — איינעם פּייניקט ער און משפּט ער,
פֿרעגט אויס מיט אַלע ברענעדיקסטע שאלות.
און פֿאַרקינדיקט מיט געוואַלטיקן התפּעלות:
שולדיק!
און דאָס איז ער אַליין.

וואָס איז דער דיכטער —
די פֿרייד פֿון דער וועלט.
שטייט אויף באַגינען־טאָג און לאַכט,
ווילדע שלאַנגען־קנייטשן וואַרפֿן זיך אין די ווינקלען פֿון זיין מויל,
משוגעת־פֿרייד־שוים איז אויף זיינע ווייסע שורות ציין,
די פֿרויען פֿון דער פֿרייד פֿאַרשטייט ער,
און אין דער נאַכט שטרעקט אויס די גוגרת איר לייב צו זיין הייסן בלוט,
אַז זי רופֿט
דעם תּליון פֿון איר מיידלשאַפֿט.

וואָס איז דער דיכטער;
רעוואָלוציאָן!

דאָס שטומע מויל פון דעם גראָען פאָלק מאַכט זיך אויף אין זיין
[ליד,
און שרייט:
און די מלכים, וואָס הערן דאָס געשריי אין די נעכט פון משפט,
לאָדן אויף דאָס געזינד אויף פערד און אַנטפליען,
אזוי ווי חיות אין וואַלד,
ווען די שרפה וואַלגערט זיך נענטער, און נענטער,
בּרעכנדיק אין רויטן כעס אורואַלטע ביימער.

וואָס איז דער דיכטער —
אַ וואָרעם, וואָס איז שטיל צונויפגעקאָרטשעט,
ווען דעם נאַקעטן לעבנס בלוט-גאָס רינט,
דורך דעם לאַבירינט
פון זיינע אונטעראיבּערערדישע דרכים,
דורך וואָכע נעכט און דורך טונקעלע טעג,
ער איז פארשטיינערט איינגעשרומפן און פארקלערט,
ליגט איינגעצויגן אויף דער ערד,
און הערט
זיך איין מיט שרעק צו יעדן שריט, וואָס קאָן אים ווערן טויט.

וואָס איז דער דיכטער?
ווער סע וויל, דער ענטפערט צו דער זאַך און שטיל.
איינער זינגט אויף,
דער בייזער אָבער שפּייט.
און איך האָב דיר געזאָגט דעם נאַקעטיקן אמת.

א ש ט י ל ר ו י ז נ ל י ד

אין גאָרטן האָב איך א רויז געזען,
איינזאַם בליענדיק, גליענדיק רויט,
אָוונטס און מאָרגנס צום הימל פליענדיק
האָט זי מתפלל געווען מיט איר ריח.

אין גארטן בין איך פאַרליבט געווען,
איינזאַם בליענדיק האַרצן-גליענדיק,
אָוונטס און מאָרגנס צום הימל פליענדיק
האָב איך מיין יוגנטס ליבע געזען.

דריי טעג האָב איך א רויז געזען,
דריי נעכט האָב איך צו איר געבענקט.
איינזאַם בליענדיק, גליענדיק רויט
האָט זיך די רויז צו די בינען פאַרשענקט.

און ס'איז געשען אויף דעם פערטן טאָג,
האָט אבגעבליט און פאַרבליט די פראַכט.
און אין דערזעלבער, זילבערנער נאַכט
איז נאָל געווען דער רויזנ-צוויג.

אויך דו געליבטע, מוטער פון מיין קינד,
אויך דו האָסט איינמאָל אזוי געבליט,
אין זונשיין געגילדט זיך און אָוונטס געגליט:
געליבטע מוטער פון מיין קינד.

און זאָג היינט תּפילה אין זילבּערנער נאַכט,
ווייל ס'איז דיין בּליונג און גליונג דערפּולט.
כ'האָבּ בּליען געזען אַ רויז אין איר פּראַכט,
כ'האָבּ זי שטאַרבּן געזען בּענקשאַפט־געשטילט.

און ווייִן מיט מיר היינט אין זילבּערנער נאַכט,
צווישן די בּיימער אויף אַ גאָרטן־בּאַנק,
מיטן בּיינאַכט אויף פאַרבּליטער פּראַכט,
צווישן די בּיימער, וואָס וויגן דיך באַנג.

ד אָ ס ל ע צ ט ע ל י ב ע ס ל י ד

סע בויגן זיך די ביימער פון דער ליבע שוין,
נאָך זומערטעג, נאָך טעג פון שטורעם,
און אין די צייטיקע פּירות טאַקט דער וואָרעם,
טאַקט.

די ביימער בייגן זיך, סע פאַלט דאָס בלעטערוואַרק,
און אַנדערע טרוימען, אַנדערע באַגערן ווערן;
באַלד וועלן אויפגיין ווינטערדיקע, קאַלטע שטערן,
הויך.

וואָס ס'איז געווען, איז שוין פאַרגאַנגען און פאַרביי,
סע איז געווען שיין און האָט זיין ווייטן וועג גענומען,
שענער — ווייל עס וועט נישט קיינמאָל קומען,
מער.

ק י נ ד

אין אַ אָסיען=פאַרנאַכט
טערט קיל און טונקל אין מײַנע שטיבער,
ציִנד איך אָן אַ ליכט, און לעז די לידער פון מײַנע פרײַנט.
קלאַפּט עמיץ אָן, גיי איך און עפן.
— אָ, דו מײַן ליבער!
ער אָבער זעצט זיך אַקעגנאיבער,
שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן בײדע הענט;
בלאָזט אויס דאָס ליכט.
דערווײַלע איז געוואָרן טיפע פינסטערניש.

— דו, זאָגט ער,
וואָס האָט דיר אַ ווײַב געטויגט,
אַז זי זאָל האָבן דיר אַ קינד אַ קראַנקס?
עס איז דאָך קראַנק. זײַנע בײנדאַלעך זענען אַזוי שמאָל:
און אַז עס לאַכט שוין יאָ אַמאָל, אַמאָל,
געפעלט מיר ניִשט זײַן לאַכן.
אָט אַזאַ קלײנס, לאָז עס נאָר איבער אויף אײן מינוט
אויף אַ טיש, פאַלט עס אַראָפּ,
און אָט פון דעם קלײנעם בלאָנדן קאָפּ,
קאָן גײן אַ גאַנצער בעקן בלוט.
און טאָמער פאַרקילט זיך עס, אָט אַזאַ קלײנס,
קען עס דען אויסהאַלטן פערציק גראַד פיבער?
אײן טאָג, אפשר —

בײַנאַכט װעט עס דיר רעדן פֿון פֿיבער,
װעסט רײסן די הױט פֿון דײן לײַב דיר פֿאַר צער —
און פּלוצלונג בלײַבט דאָס הערצעלע שטײן —
איז אַלץ פֿאַריבער,
אָט אַזאַ קלײנס װערט באַלד װי פֿאַרמעט געל;
און די תּכריכימלעך — —
די גאַנץ, גאַנץ קלײנגעקע תּכריכימלעך — —

אקעגנאיבער פון מיין פענסטער

אקעגנאיבער פון מיין פענסטער וווינט א פרידלעך הויזגעזינד:
טיש און שטולן זענען ווייס, לערנט הויך א פלייסיק קינד;
אקעגנאיבער פון מיין פענסטער וווינט די רו,
און פרילינג איז —
און ערגעץ אין א קעלערשטוב טרערט די נעץ פון אלטע ציגל,
קוקט מיט גרינע אויגן פון די ווענט,
שטרעקט אויס אומזעכטבארע הענט,
און עמיץ ליגט דארט, דושעט זיך אין קראנקען הוסט.

אקעגנאיבער פון מיין פענסטער איז א שוואלבן-נעסט,
אויסגעקלעפט און אויסגעבעט, און האלט זיך אין א ווינקל פעסט.
און יונגע צוויטשערן: מוטר... מוטר... טר..
און מוטער הויך אין אוויר פליט אום פריי,
און פרילינג איז —
און ערגעץ אין א יאטקע הענגען שטיקער טריפנדיק פון בלוט,
און אין דער מיט
שטייט א בייזער מאן, און ציט אראפ א פעל
פון טויטן לאם, עס הענגט אראפ אויף ביידע הינטערשדיקע פיס.

און איך, —
איך האב געגעסן זאלץ און ברויט,
און האב געשריבן אויף א ווייסן בלאט
א ליד פון רו און גליק.

נאקעטע לידער

און מײַנע בלוטן זענען רויק, מײַן נשמה זאַט,
און נאָר דער גײַסט איז ניכטער, ווי אַ דיכטער־דענקמאָל אין דער זון,
וואָס שטייט פאַרשטיינערט, ערנסט, מאָנענדיק און שטום.

אַקעגנאיבער פון מײַן פענסטער, אויף דעם בלאָען האריזאנט, איז
[דאָ א פרידלעך דאָרף,
און ערגעץ דאָרט אין דאָרף טראָגט אויס אַן אַכצניעריקע
דעם ניינטן חודש שוין אַ קינד,
און וואַרט געבראָכן אויף די קומענדיקע טעג,
און גערן וואָלט זי מיט אַ זעג
צערזעגט די בלוטנדיקע בלום פון נעכטלעכער און
[ליידנשאַפטנפולער ליבע.

א י ך ה אָ ב ג ע ז ע ן אַ פ ר ו י

איך האָב געזען אַ פרוי בייַנאַכט אַמאָל,
אונטער די שוואַרצע בריקן פון דער גרויסער שטאָט,
פאַרקויפן ליבע ביליגע פאַר אָרימע מענער,
וואָס זייַרע פרויען זענען טויט, און זיבן קינדער ווייַנען אין דער
[היים.

געקלעפּט האָבן די בריסטן אירע געל און הענגענדיק אן די
[אַקסלס דאַרע צווייַגן,
ווי די אסיענבלעטער פון אַ לינדנבוים,
און האָבן ווי די לינדנבלעטער אין דער נאַכט געציטערט,
אין געפיל פון קילער, אסיענדיקער ערד.

און ס'זענען אירע ציין אפּגעשטאַנען,
דורכזעכטיק, דורך דינע ליפּנס קראַנקער הויט,
און דורך די שיטער-דינע האָר פון דער נאַכטלעכער פּריזור,
איז דער שאַרבן פונ'ם קאָפּ דייַטלעך שאַרף אפּגעשטאַנען.

און אויף די ליפּן האָט זי שוין פון לאַנג געהאַט
דעם זיסלעך-זויער, רויטן שוימיקן געשמאַק פון טויט,
אין אַכט-און-דרייסיק פיבער שטענדיק אין דער נאַכט,
און דינע פרעסנדיקע דראָטן אין דער ברוסט.

און כ'האָב געזען דאָס פייער אינ'ם אויג פון אירע געסט:
היינט אטעמט נאָך דער שאַרבן, רירט זיך דער סקעלעט,

נאַקעטע לידער

און ס׳איז די שויס נאָך אַכט־און־דרייסיק פיבער־היים,
און מאָרגן וועט זי קאַלט זיין אויפ׳ן וואַנצנפולן בעט.

און כ׳האָב באַטראַכט דאָס פייער אינ׳ם אויג פון אירע געסט,
וואָס זיירע פרויען זענען טויט און זיבן קינדער וויינען אין דער
[היים,
און כ׳האָב געקלערט פון דעם, פון גאָט געפּאָרמטן ליים,
און פון דעם רוח־אלוהים, וואָס האַלט עס אויף סקעלעטן פעסט.

שוואַנגערע פרויען

ווען שוואַנגערע פרויען וויינען בייַנאַכט,
אויפגעשרעקטע פון האַלבן שלאָף,
וויינט גאָט מיט זיי.

הויבט ער זיך אויף פון זיין בלאָ געטלעך בעט,
וואַנדערט ער דורך זיין חלל בייַנאַכט,
לעשט ער די שטערן אויס
אין זיין געטלעכן הויז.
און וועקט די ווייסע מלאכים אויף,
אַז זיי זאָלן שטילע תפילות טון.

ווען שוואַנגערע פרויען וויינען בייַנאַכט,
גייט איבער דער וועלט אַ פאַלנדיקער רוף:
מו—טער! —

הויבט גאָט זיך אויף פון זיין בלאָ געטלעך בעט,
וואַנדערט ער דורך זייַנע רוימען בייַנאַכט,
און אַלע אפגרונטן געניצן טיף,
און די מלאכים טוען תפילה שטיל;
פילט גאָט די אפגרונטן, וויינט ער שטום,
זעט ער אַ מוראדיקע טיף,
און שרעקט זיך פאַר זיין אייגן ווערק.

נאַקעטע לידער

און הערט דעם רוף
פון כליפנדיקע, ווארימע בלוטן —
אין נעכטלעכן אויפשריי פון שוואנגערע פרויען.

די פאַרשטויסענע צו די אָרימע

איר האָט אַ ווייב, אַ טאַטן, אַ שטוב און אַ קינד,
און האָט אַן אייגן בעט,
און ווייס געוועט,
און אויף אייער קעך שטייט אַ טאָפּ פון בלעך,
און פייער ברענט אונטער אייער קעך.
און אַז ס'איז אייך אומעטיק אין שטוב אליין,
קענט איר אויף אַ שעה צום אַ שכן גיין.

און אויך מיר האָבן ווייבער, דאָך אונזער ווייב,
פאַרקויפט אין די נעכט דאס צערמוטשעטע לייב,
און אַז עס ווערט אונז געבוירן אַ קינד
דערטרענקען מיר עס אין אַ וואַסער, וואָס רינט,
אָדער לאָזן עס ליגן אין נאַכט, רעגן, ווינט.
און ווערן מיר קראַנק, ווערן מיר מיטאנאנד
מיט משיפערן אויסגעמערירט,
און אין פערשטאָטשפיטאָל אַריין אָפּגעפירט.
און טאָמער גיט טויט נאָר אַ שאַרפערן בלאָז,
נעמט מען פון אונז שוין באַצייטנס די מאָס — —
ביים לעבעדיקן לייב.

נאַקעטע לידער

פראָלאָג צום וועגעטאַרישן עוואַנגעליום

פון דער אומענדלעכער ליבע צו פרייהייט,
קום איך באַפרייען דיך, קרעאַטור!
דיינע אויסגעשטרעקטע, אויסגעשאָכטענע העלזער, וואָס הענגען פון
[אַ וואָגן,
ווען זיינע רעדער שלאָגן אָן,
טאַנצנדיק אויף שטעטישע שטיינער, און בלוט הענגט פון די
[ווייסע לאַנגע לעמער־האָר.

פון דער אומענדלעכער ליבע צו פרייהייט,
קום איך באַפרייען דיך קרעאַטור!
לעב אויס דעם צער פון דיין לעבן, לעב אויס דיין נויט,
און אַז קומען וועט דער טויט צו דיר, זאָל ער זיין דיין אייגענער
[טויט,
וואָס גייט ער מיך אָן!

נאָר שטרעק מיר נישט אַנטקעגן דיין ווילנלאָזן האַלז,
און שטרעק מיר נישט אַנטקעגן דעם ברעכנדיקן בליק,
אַז איך זאָל אים אויפשניידן מיט דעם שטאָלשניט פון מיין
[מענשלעכער קולטור,
און אים צערבייסן מיט די ציין פון פאַר צענטויזנט יאָר;
ווער פריינט, וואָס ביזט די שוועסטער פון מיין נויט!

פון דער אומענדלעכער ליבע צו פרייהייט,
קום איך באַפרייען דיך, קרעאַטור!

נאַקעטע לידער

פ ע ר ד

זיי זענען געגאַנגען אַכצן יאָר,
און האָבן געצויגן שווערע לאַסט,
און זענען געווען אַן אָרים פּאָרל,
פאַרגעסענע, איינזאַמע פערד.

און זענען געשטאַנען אַכצן יאָר
איינשטויביקן שפּאַל מיט דער שטיינערנער בריק,
און שטויב איז געפאַלן אויף זייערע האָר,
וואָס האָבן פאַרלוירן די גלאַנציקע פאַרב.

און האָבן געליטן אַכצן יאָר
פון בייטשן, וואָס קאָרטשען צוזאַמען די הויט.
און האָבן זיך ערלעך פאַרדינט דאָס שטרוי
פון נאַכטמאָל און פון מיטאָגברויט.

און זענען געשטאַנען איינמאָל ביינאַכט,
רעגנצערנעצט און קעלטצערנאָגט;
האָט צוגעטוליעט דעם טרויריקן קאָפּ,
דאָס עלטערע פערד, און הוסט־געזאָגט:

מיד בין איך ברודער, זע שווייגנדיק אָט,
גיי איך מיט דיר שוין יאָר אַכצן אַצינד,
די קניען ציטערן, צייט איז צו רון —
די הויט ווערט פאַרשלאַפט, די אויגן בלינד.

און זענען געשטאַנען איינמאָל ביינאַכט;
צוויי איינזאַמע פערד אויף דער ווייטער ערד. —
און ס'האָט זייער האַר זיך געדונגען אין שענק
מיט אַ פערשטאָט־קצב פון פערד.

און האָט געגעבן תקיעת־כף,
און אָפּגעשאַצט די געניטע ווערט,
פון איינזאַמע, טרויעריקע פערד,
אויף דער ווייטער ערד.

און האָט זיך באַדונגען צומאָרגנס נאָך,
איין לעצטן גאַנג מיט די פערד צום וואַלד,
דאָס לעצטע פירל צו פירן מיט זיי,
און זיי צו געזעגענען קאַלט.

זיי זענען געגאַנגען ווי אַכצן יאָר,
און איבער זיי האָט די בייטש געקנאַלט,
און האָבן געפירט פאַר די ווינטער־טעג,
אַ שווערן וואָגן האָלץ פון דעם וואַלד.

און אַז זיי זענען געקומען פון וואַלד, —
היינט איז גישט געווען מער קיין מיטאָגברויט — —
און טרויעריק האָבן זיי ווייטער געפירט,
צום שלאַכטהויז די מידע, די אייגענע הויט.

און אַז זיי האָבן דערשפירט דאָס בלוט,
האָבן געציטערט צוויי ברידער פערד,

און האָבן געטוליעט די לאַנגע קעפּ,
און האָבן צום בלוט זיך איינגעהערט.

און אַז מען האָט פון זיי אויסגעטון
דעם האַלז־יאָך פון מיפולע אַכצן יאָר,
האָט מען געזען די שוואַרצע הויט
מיט אויסגעקראָכענע האָר.

און אַז זיי האָבן געוואַלגערט אין בלוט זיך
באַלד אויף דער שטיינערנער שלאַכטהויז־בריק
האָט ווילד געקלונגען דער אייזערנער שלאַג,
פון פאָדקאָוועס אויף דער שטיינערנער בריק

און האָט דערמאַנט זייער שריט פון אַמאָל,
אויף שטיינערנע גאַסן דורך אַכצן יאָר,
וואָס ס׳איז געגאַנגען אָטעמדיק שווער
איבער דער ווייטער, איינזאַמער ערד,
אַ פּאָר אָרימע פערד.

טויטע קינדער

עפּעס אַנדערש איז דער טויט,
ווי אַן אויסגעשטרעקטער מאַן אויף אַ הויכן קאַטאַפֿאַלק,
און ווי פֿיר געוואַלטיק זשאַרנדיקע, ווייסע ליכט,
און ווי גלאָקן, וועלכע קלינגען און צושניידן מיט דער קלאָ־
טיטן־דורך דעם וואָכעדיקן גראָען טאָג.

דער טויט, דאָס איז דאָס קינדערשע געזאַנג,
געזונגען אויף אַ וויַטן וועג, וואָס ציט
דורך האַרבסטיקע, זון־זינגענדיקע, לעצטע גרינע פֿאָקסן איך
ביי מאַרוסיאַ־מאַרוסיענקאָס, דער דריי־יעריגערס לויה.
איוואַש, בלאָנד און באָרוועס, און בלויזקעפּיק טראָגט פֿאָרויס דעם צלם.
איוואַש איז געווען מאַרוסיאַ־מאַרוסיענקאָס פֿריינט,
און האַנוסיאַ בלאָנד און באָרוועס טראָגט פֿאָרויס דאָס הילצערן־
[טרומבעלע

און די קינדער זינגען, זינגען
איבער האַרבסט־זון־זינגענדיקע, לעצטע גרינע פֿאָקסן.
און אַז זיי האָבן ביז צום טויער צוגעטראָגן
מאַרוסיאַ־מאַרוסיענקאָס הילצערן־טרומבעלע
האָט דער אַלטער קברן עס גענומען און געזאָגט:
איך וועל עס שוין אַליין באַגראָבן,
איך דאַרף אייך קינדער מער נישט האָבן.
און האָט גענומען גראָבן

באָענט נעבן פלויט;
דאָס איז דער טויט.

עפּעס אַנדערש איז דער טויט, ווי אַ פרוי, וואָס ליגט אַן אויסגע-
[שטרעקטע אויף דער הוילער ערד,
און ווי די ליכט צוקאָפּנס, וועלכנס פלאַמען בויגן זיך ביי יעדן
[עפן פון דער טיר,
און ווי די ווייבער, וועלכע קלאָגן וואַסער-יאָמער טרערן-וואַסער,
און ווי דער מאַן, וואָס שטייט אַן איינזאַמער, פאַרוויינטער, בלאַסער,
און ווי די קינדערלעך, וועלכע רייסן מיט די קולות איין די הימלען.

דער טויט, דאָס איז אַ מת פון אַ קינד, אַ זיבנטאָגיקס
אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט,
פאַרשלאָגן אין אַ קעסטל, וואָס איז אַכצן צאָל די לענג,
און געטראָגן פון אַ אַלטער, פרומער באָבע
איבער פעלדער, ביז אַרויס צום שטילן בית-הקברות,
ווו דער רעגן קלינגט אויף די מצבות
זיינע האַרבסטיקע געזעגנ.
דער טויט דאָס איז אַ מת, פון אַ קינד, אַ זיבנטאָגיקס,
אין דער נאַסער, קאַלטער ערד פאַרשאַרט.
און אַז די באָבע איז אַהיימגעקומען, האָט מען זי שוין אָפּגעוואַרט
מיט אַ וואַרעם גלאָז טיי קאַווע און מיט זאַפטיק-שוואַרצן ברויט —
דאָס איז דער טויט.

די משפחה ראַוויטש

און אַז די ביזט יונג געווען,
מוטער מיינע;
ווער קאָן דאָס פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די ביזט מיין מוטער,
די, און נישט קיין אַנדערע פרוי,
און פֿאַרוואָס ס'איז אַזאַ ווילדער צער
אַפילו איינמאָל אין אַ יאָר דיך צו געדענקען.

און צו דערמאָנען אָן די נעכט אָן שלאָף,
ווען דער צער פון קינדער־האָבן האָט אָן דיין לייב געשטויסן,
און ווען דער שריי פֿלעגט גיין דורך אַלע העלבאַלאָכטענע שטיבער
ווי דאָס הויזגעזינד פֿלעגט וואַך־זיין וואַרטנדיק פול שרעק.
די האַלבע שטאָט איז אויפ־געווען, און דריי דאָקטורים,
און די ניינציק־יאָרן־אַלטע באָבע שיינדל.
און אַז פֿאַרטאָג האָט דער רב געקלאַפּט צום בעלזער אַ דעפּעשע:
הינדע בת בלימה געווינט, בעט רחמים!
האָט שוין געוויינט אָן אַ סוף
מיט דיר אין קימפּעט אונזער זייטער ברודער.
מזל־טוב!
ווער פֿאַרשטייט דאָס מזל פון אַ נייגעבוירן קינד,
וואָס וואַקסט פונאַנדער ווי אַן איילבירט אין דער זון
פריי צו אַלע ווינטן און צו אַלע נעכט.

נאַקעטע לידער

היינט זענען מיר שוין גרויס
אַלע דריי
מיט מזלות אַלערליי,
וואָס אויף דער ערד, ווער אונטער דער ערד.

מוטער,
דורך דיינע האָר גלאַנצט עס היינט ווייס,
א יעדע פון זיי איז אַ סימן
פון אַ נאַכט פול צער־ווארטן
אויף אַ ווייסן טאָג אין פענסטער.

ווידער איז נאַכט,
איך קען דיך,
ביי אַ פענסטער שטייסטו שטאַר;
ווי אַ שוואַלב שלאָגט אָן זיך אָן דער שויב דער געפאַנגענער צער,
אויף די פענסטער טריפט דער אָסיען קאַלט,
ארום די קוימענס פון אָפּגעברענטע הייזער וואָיעט, ווי אַן אייגזאַ-
[מער הונט
דער דאָרפישער ווינט.
דער טאַטע איז אַלט, מיד, זאָגט ער:
— הינדע גיי שוין שלאָפן, גיי, דאַרפסט דאָך אויפשטיין פרי.
גייט ער פריוון, צי די טירען זענען צו
און פאַרלעשט די ליכט.
און נאָר אַן אָפּגעריסן בלעכשטיק קלאַפּט אין דאַך
אַלע עטלעכע מינוט.
ווי דער גרויסער זייגער פון דער שרעק פון דער גאַנצער וועלט.

איז דאָס קלאַפּן,
און ווילד גייט אום אין שטוב דעם טאַטנס מידע, ערשטע כראָפּן.

מיר אָבער, די זון, די דערוואַקסענע
וואָגלען אויף דער ווייטער וועלט;
ווער אויף דער ערד, ווער אונטער דער ערד.

שוין פראַוועט דער לעצטער וואָרעם זיין סעודה

שוין פראַוועט דער לעצטער, שוואַרצער וואָרעם
אויף מיינע זיידעס ווייסן רוקן־ביין
זיין איינזאַמע סעודה —
און זאָרגפול שטרעקט ער אויס די דינע הערנער זיינע;
אָ, וואָס וועט ווערן מיט זיין אונטערערדיש לעבן,
וואָס וועט דער האַר פון אַלע וועלטן ווייטער געבן?

שוין איז מיין טאַטעס שוואַרצער קאָפּ
געוואָרן גראָ איינגאַנצן,
זילבערן גלאַנצן
זיינע אָסיענדיקע טעג;
ווייל גאָלדן גלאַנצט דער אָסיענגאָרטן,
אידער רויער שטורמווינט טרעסעט אָפּ זיין פאַרביקע דערמאנונג
ווילדוואָיענדיק ביינאַכט אַזוי:
דו שטאַרבנדיקער קלער פון טויט און גאָרנישט מער,
פו—ו טויט, דו —
מיין טאַטערס מידן נאַקן
בויגט דער האַרבסט,
דער קאָסאַר איז שוין גרייט צום האַקן.

מיינע זיידעס ביינער זעגנען זיך צופאַלן,
מיין טאַטערס קאָפּ,
בייגט געבעטער זיך צו דער ערד אַראָפּ.

און איך —

איך בין מיט מיינע קינדערלעך אין גאָרטן היינט אַרומגעגאַנגען,
און האָב געקלערט פון לעבנס, וועלכע זענען איינגעגאַנגען.

און אָוונט איז געוואָרן, איינזאַם איז מיר
מיט מיינע קינדער אויף דער וועלט.
און כ'בין אַהיים-געגאַנגען.
אויף די טונקלע, דריישטאָקיקע טרעפּ
האָב איך די איינזאַמע יתומות מיינע
אויפגעהויבן צום הויז,
און געקוש אין די גאָלדענע קעפּ.

ד ע ר ע ג אָ צ ע נ ט ר י ק ע ר

גאָט, דער שאַפער, האָט געשאַפן
מיךּ ודאי ווי עס קער,
פעלן פעלט מיר גאָרנישט,
גאָרנישט האָב איך מער;
וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט
ווייס איך נישט;
גאָר מענלעכקייט האָט ער מיר נישט געשפּאָרט —
פרעג ביי מיינע ווייבער!

דער ווילדער שריט פון מיינע פיס
שרייט פון שריט צו שריט:
טו, זיי, ווער, מוז!
אָן מיינע שווערע הענט ברענט ווילן.

חעלט, אומענדלעך ווייב פון מיין אומענדלעך ווערן,
זיי מיט מיר, ליג מיט מיר!
צום קאַלטן פענסטער גיי איך צו, צו קילען
דעם פאַרכמאַרעטן שטורעם-שטערן.
נאַכט, קעלט, ווינט —

אויב עפּעס דאַרף ווערן, זאָל עס ווערן
גרויס —
מיט מיר. —

אָ, ווי גלויב איך אין מיר,
אָ, ווי האָב איך מיך ליב.

הלף

נעם דיך צוזאמען:

מוט!

און זאָג:

„מיין מוטער האָב איך פֿון מיין טיר ליבהאַרצנדיק, מיט כבוד
[אָפּגעוויזן,

צו מיין ווייב האָב איך געזאָגט: ביזט אַלט, אָפּגעלעבט;

מיינע קינדער האָב איך איבערגעלאָזט אין זוניקע טעג אין טונקעלע
[שטיבער,

לעבער האָב איך געגראָבן אונטער די פיס,

די באָרוועסע, גלויביקע וואַנדערער־פיס פון מיינע בעסטע פריינט,

פלייש פון סאַמעט־פיסיקע קעלבער האָב איך מיט אַ גרויסן געפּס

באַשטעלט ביי אַ קעלנער אין אַ קאַפע־הויז;

ווייל איך האַלט פון גוטע קעסט —

און געפרעסן האָב איך עס מיט ווייסער חלה,

בשעת גאַסן־קינדער האָבן צוגעטוליעט בלויע פּנימלעך

צו די רעגן־נאַסע, גרויסע שויבן

און געקוקט.

אָרימע אַרבעטער־מיידלעך האָב איך אָנגעהויבן

אָבער גוט באַצאָלט.

און איך בין געגאַנגען דעם וועג פון אַ דיכטער פון פרייד

און פון דער ליבע צו אַלע קרעאַטורן,

פון קלוגשאַפט, קאָמוניזמוס און וועלט־גליק.“

— ווי קאָן איך דיר דאָס אַלעס גלויבן?
—אוודאי קאָנסטו! פאַר אַזעלכע מיני זינדן שטראָפט דאָך נישט
קיין שום געזעץ פון מערב און פון מזרח —
און פון די עשרת־הדברות איז נישט אָנגערירט קיין אלף!
און דאָך איז דאָס נישט אמת;
אָבער ס'איז אַ חלף, חלף —
אָט אַזאַ, וואָס שניידט אַ האָר אין לופט,
און מאַנכמאָל דאַרף מען שניידן די נשמה מיט א חלף...

מאַניפעסט צו די גראַפאָמאַנען

וועָר סע קען נישט מיטגיין, דער איז קראַנק,
און וועָר ס'איז קראַנק, דער זאָל עס אונז גטזונטע זאָגן,
זאָל אויפזעצן זיך אויף אַ וואָגן,
און זאָל פאָרן דורך זיינע קראַנקע יאָרן.

וועָר סע קען נישט מיטגיין, זאָל זיך נישט פּלאָנטען פאַר די פיס
דער זאָל נישט וויינען, זאָל נישט סאַפּען,
אַז ס'זאָל דאָס האַרץ דאָס קראַנקע אין אים קלאַפּן,
דער זאָל עס אונז געזונטע זאָגן,
זאָל אויפזעצן זיך אויף א וואָגן,
און דער זאָל פאָרן דורך זיינע קראַנקע יאָרן.

ווייל ס'איז די צייט געגלעכנט צו אַ וועג,
פון צווישן צוויי גוואַלדאָווגע, אויביקע שטעט,
וואָס איינע פון זיי איז דער עבר,
און איינע איז דער עתיד.
און אונזער מחנה איז געגלעכנט צו דעם דור פון היינט;
און מיר געזונטע קלערן שאַרף און קלערן קלאָר,
און אונזער צייט געדויערט העכסטנס צוואָנציק יאָר,
און מיר זענען מחויב דאָך פאַר אונזער דור,
מקריב זיך צו זיין.

און ווער סע קען נישט מיטגיין דער איז קראַנק,
דער זאָל נישט רעדן און נישט וויינען באַנג,
און אונז נישט שטערן לאַנג,
זאָל אויפזעצן זיך אויף דער פיר און פאָרן
דורך זיינע קראַנקע יאָרן.
מיר מענער אָבער, ווילן איינגעשפּאַנטע גיין און ווילן ציען,
און נישט שפּאָרן ווילן מיר קיין מיען,
מיר ווילן קעמפן און געווינען
מיט דעם כלי-זין פון געזונטע פינעף זינען.

דאָס איינזאַמע ליד פון מיין לעבן

צו זינגען מיט אַ מאָנאָטאָנעם ציגיינערישן סטעפּ־ניגון

צווישן לויטער קראַנקע איינער אַ געזונטער זיין,
איז, זאָג איך דיר, אַ ווילדע, אַזאַ ווילדע פּיין.
צווישן לויטער וויינענדיקע איינער לאַכן
קער צו די אויסטערלישע זאַכן.
צווישן לויטער קלאָגנדיקע איינער זינגען,
אַז די אויסגעשפּאַנטע פּויקן־טאַצן זאָלן פּלאַצן,
און די זילבערנע קנעפּ זאָלן קלינגען.

נערוון טאַנצן אַ טאַנץ אַרום מיר, מוחות צאַפּלען, הערצער גיסן
[זיך אויס:
מענער אין ווייבער־הויט, ווייבער אין מענער־הויט.
שרייען אין כאָרן: בראָ—אָ—ויט, ברויט!
און האָט עס דאָס ברויט, דאַן וויל עס מילך,
און האָט עס די מילך, פאַרלאַנגט עס נאָך פליייש,
און האָט עס דאָס פליייש, דאַן וויל עס דאָס גאָלד,
און האָט עס דאָס גאָלד, דאַן וויל עס די ליבע,
און האָט עס די ליבע וויל עס דעם שם,
דאַן זינגט עס, און ס׳איז אַ וויסטער געשריי —
נעם מיך אייביקייט, נעם,
עס מיך אויף!

צווישן ליטער קראַנקע איינער אַ געזונטער זיין,
איז, זאָג איך דיר, אַ ווילדע, אַזאַ ווילדע פּיין.

צווישן די אַבלים — לאַכן — —
אָ, ווי טאַנצן די נערוועז-בערן אַ טאַנץ אין פאַרביקע בונטן,
איינמאָל אַרויף צו די הייכן אויבן, און איינמאָל אַראָפּ צו די
[גרינטן אונטן;
אָ דו געמיינער אַכזר פון אַ גאָט!
אין איין בינטל פון די נערוועז אַזוי-פיל צער, אַזוי-פיל לוסט,
און אַזוי ווייניק זינד, שולד, פאַרברעכן; דו אַכזר פון אַ גאָט!

צווישן ליטער בלינדע איינער זעענדיק,
איז אויך מיר נישט אַ גליק,
צווישן אָט די ליטער בערן טאַנצנדיק אויף נערוועז-שטריק,
איין ציגיינער — —
צווישן ליטער האַלבגעשטאָרבענע איינער פול מיט לעבן,
צווישן ליטער בערן איין ציגיינער
איינער —

דזין, דזי — אין, דזין, דזין — בוך — פויקן די טאַצן און די
[קלינגערס קלינגען.

טאָלסטאָישע אידיליע

סאטירע

אויף אַלע ווענט צלמים פון האָלץ,
אויף יעדן צלם דער מלך מיט דער דערנערקרוין;
דער מוטער מרים'ס בילד אויף יעדן צענטן בוים,
און דאָס פאָלק באַגריסט זיך פון דער ווייט
מיט יעזוס ליב אין אייביקייט.

און פון דערווייטן קריכט די פעסט,
דורך בלאָטיקע און וואַלדיקע וועגן;
ווי ס'קריכט אַ יאַשטשער פון זיין נעסט.
דאָס פאָלק באַגריסט זיך פון דער ווייט
מיט יעזוס ליב אין אייביקייט.

און אויף די גרעניצן איז קריג,
די כוואַליע פון בלוט גייט אַוועק אַהין,
דאָרט שטאַרבן בלוטיק די בעסטע זין,
דאָס פאָלק באַגריסט זיך פון דער ווייט,
מיט יעזוס ליב אין אייביקייט.

און אַלע אויגן זענען בלאָ,
פול רו דאָס ליידנדיקע בלוט,
און ביי די קניעס דער דאָרפישער הוט.
— געבענשט זאָל יעזו-קריסטע זיין!
אין אייביקייט—אָמן.

נאַקעטע לידער

דעם לעסטערערס ליד געגן דעם גאָט

דיר דערווידער, דיר דערווידער!
און די ווערטער טאַנצן מיר פאַר פרייד אין מויל,
און איך וואַרף זיי, ווי אַ זיבנפאַרביקע קויל,
פאַר די פיס דיר,
געץ יהוה!

דיר דערווידער וויל איך מיך אומענדלעך פרייען,
מיט דעם גאַנצן בלאָען הימל, און מיט יעדער קרעאַטור,
דיר דערווידער וויל איך לאַכן, לאַכן גאָר,
דיר דערווידער!

דיר דערווידער און אַקעגן,
וויל איך קיינעמען נישט פרעגן,
און נישט קלערן פון קיין טויט,
כל־זמן ס׳בליט אויף ביימער צוקער
און עס וואַקסט אויף פעלדער ברויט.

דיר דערווידער וויל איך לעבן
ניינציק יאָרן, אפשר מער;
און אַ טרער
זאָל קיינמאָל נישט אויף מיינע באַקן קומען.

דיר דערווידער, דיר — דערווידער!
אַזאַ וואָרט, אַזאַ מין וואָרט —

שרייען שרייט עס אויף מיט לידער,
און די לידער שטייען אויף,
ווי די הינט, די יונגע און קודלאַטע הינט.
דיר דערווידער!

דרייטויזנט יאָר

דרייטויזנט־יאָר און אומגעצײלטע דורות
זענען געלעגן אין שטויב פאַר דיר,
יהוה.
און זייער בלוט האָב איך אין מײַנע אָדערן!
שווער פליסט די טונקעלע ירושה
ווי דאָס שחיטה־בלוט
פון ווונדן, ווען רויטע שטראַלן לעשן שוין.

און איך — אָט האָב איך אויסגעגאָסן דאָס באַגאַטישע בלוט
פון מײַן נשמהס מעטאַלישן כוס.
דאָס בלוט פון אומגעצײלטע דורות,
צוזאַמען מיט דיר, יהוה, ווונדנבלוט פון דער וועלט.

און כ'בין געבליבן מיט לויטער געדאַנק,
קאַלט און קלאָר,
און בין אַן אײַזערנער ריגל,
אַן אײַזערנע פאַלטיר פאַר אַלדי דרייטויזנט יאָר.

הײַנט־נאַכט, אַ נאַכט אין דער פרעמד,
די ערשטע, די שטילע, לבנה־באַגלאַנצטע
פסח־נאַכט.
דער ווינט וואַרפט מײַן פענסטער אין אַ שטילן פיבער,
און די נאַכטלעכע שטראַלן קלינגען אָן אים,

גאַקעטע לידער

סע וואַרפט די נשמה, וואַרפט דעם געדאַנק
אַריין אין אַ שטילן פיבער —
און דערמאַנונגען קלינגען אָן אים,
אַזוי ווי שריט פון טונקלע שטיבער,
און אַ שטורם כאַפט זיך אויף
שטאָלץ און זינגט אויף,
אין מיטן דער נאַכט:

דורות אומגעציילטע,
יאָרן דרייטויזנט,
שווערע, שוואַרצע בלוטנדיקע,
איינטויזנט, צווייטויזנט, דרייטויזנט יאָר.
דורות זענען שווער און שוואַרץ און בלוטנדיק געווען,
און דו ביזט נישט דער קומענדיקער דור, און דאָס איז קלאָר —
און דו, — דו ביזט דער שטאָלצער און דער ערשטער פון אַ נייעם
[דור,
וואָס קיינער ווייסט נאָך נישט, וואָס ער וועט זיין,
און יעדער ווייסט, אַז ער וועט אייביק זיין.

די תפילה פון א רעוואָלוציאָנער

און איינמאָל קומט אין לעבן פון דעם גייסטיקן מענש,
א רגע, וואָס איז זאַט ווי בוימער, וועלכע שטאַרבן אינ׳ם האַרבסט,
און אויסגעלייזט פון אַלע קוואַלן פונ׳ם טאָג,
און גרייט צו שטאַרבן,
ווי די אָוונט־וואָלקן, וועלכע גליען אין די רויטע פאַרבן.

און איינמאָל קומט דער טאָג פון איבערבראָך,
ווען די ליבע צו דער וועלט איז גרייט,
ווי די יונגפרוי אין דער חופה־נאַכט
איז גרייט צו טראָגן אין איר לייב די פרוכט
פון פרעמדן לעבן און פון אייגענעם טויט.

און איינמאָל קומט דער טאָג פון גייסטיקער זעט
און פון מקוים־געוואָרענער יוגנט,
און דאַן הויבט אויף דער גייסטיקער מענש
די הענט צו א געבעט:

„וועלט, פאַרלאַנג פון מיר א קרבן!
בוים בין איך, קום ברודער אַרבן,
ס׳איז האַרבסט!
בלוטגעפולטער בעכער בין איך. —
וועלט — קום דיין צאָרן אָן מיין האַלז דערפולן,
שטורם די רציחה אויס אָן ברייטן און אָן אָפענעם האַרץ.

חייל ס'איז געקומען שוין דער טאָג פון גייסטיקער זעט,
איבער מיר, ווי איבער ישו — אַ ווילדער טאָג,
אין יענער שוואַרצער פרייטיק, אין דער רוימער־אָקופּירטער שטאָט
[ירושלים,
ווען דער דונער איז געגאַנגען פון עק וועלט ביז עק
פון דעם שוואַרצן וועלט־געוויסן —
און ווען דער פרוכת האָט זיך מיט־אַמאָל אויף העלפטן צווי־
[צעריסן — —
קום איבער מיר, דו לאַנג־געוואַרטער און געבענקטער טאָג!

די אידעאַליסטן

די לעצטע צום לעבן זענט איר, און צום שטאַרבן די ערשטע;
זאָל די געשטאָרבענע לייכט זיין די ערד! —
און לייכט זאָל דער הונגער די לעבעדיקע זיין!
און הויך זאָל לייכטן, און שמאָלץ, דער שטערן פון פיין,
אויף יונגע שטערנס, אויף יונגע, שטאָלצע שטערנס!

אָ — איך קען אייך, איך קען אייך;
איך האָב אייך געזען אין רעגנדורכגעטריפטע נעכט
איילען מיט אַ לעצטן גראָשן און אַ לעצטן ביסן ברויט צו
[אַ קראַנקען חבר,
כ'האָב אייך זינגענדיק געזען דורך נעכט אין שפינפּאַרוועבטע
[ווינקלען
און חלומען חלומות פון שטערנהעלער ליבע.
איך האָב אייך געזען אין אָטיענבעכט שלאָפן,
פּאַרטפעליעט אין אַ גאָרטן אויף אַ נאַסער באַנק,
איך האָב געלעזן אייערע שלעכטע לידער, און געהערט אייער
[פאַלש געזאַנג;

און אייער התלהבות האָט דאָס האַרץ אין מיר צערשניטן,
און כ'בין געפאַלן אַזוי איך בין געשטאַנען, מיטן
אונטער אַלע — אויף דער ערד פאַר אייך,
ווי אַן אָפּגעזעגטער בוים,
ווי גצלמ'ט צו דער ערד;

און כ'האָב דעם שטערן איינגעגראָבן אין דעם שטויב,
און אין היסטערישע כוואַליעס טרערן האָט געזונגען מיין נשמה
אייער לויב.
אָ — איך קען אייך, איך קען אייך,
איר, קרבנות — דריי מאָל הייליקער, ווי די טויבן אין דעם כהן־
[גדולס פעטע הענט,
ווייל איר האָט אייער שליחות דערקענט,
און זענט געגאַנגען אויפגערעכט, און געבעטן, אַז דער גורל זאָל
[וואָס גיכער
פאַלן איבער אייך.
איר זענט געגאַנגען צו די תליות מיט געזאַנג,
און דינגענדיק געשטאַנען פאַר די ליופעס, וועלכע בליצן בלאַנק
מיט אַ קורצן, שאַרפן פייער — —
און אייערע הייליקע לייבער זענען געפאַלן,
און אייער בלוט
האָט זיך פאַרגאָסן דורך די לעכער פון אייער אָרים קלייד,
אונטער וועלכן איר האָט פאַר אָרימקייט
נישט קיין העמד געטראָגן. — —
און געגאַנגען זענט איר צו אייער נאָמענלאָזיקייט,
דריימאָל הייליקער ווי די טויבן אין דעם כהן־גדולס פעטע הענט.

נאַקעטע לידער.

פאָלקס־פירער

פון מאַמעס, וואָס זענען פונאַנדערגעפאַלן,
ווען ז'האָבן צום אַכטן מאָל דאָס קימפּעט געהיט,
זענט איר אויף דער וועלט געקומען.
געצויגן און געצויגן פון טרוקענע ברוסטן וואַסערדיקע מילך.
און אַז די ברוסט פון אייער מוטער איז אַראָפּגעהאָנגען שלאַף,
האָט איר די קעלט געזויגן פון געשוואָלענע און דינע פינגערלעך.

איר זענט געבוירן
פון טאַטעס, וואָס זענען צוזאַמענגעבראָכן,
ווען ס'איז צום אַכטן־מאָל די זאַלציקע רוט,
די רוט פון דערציונג אַפּירגעקראָכן
פון זייערע טרוקענע הענט
און אויפגעהאָנגען זיך איבער זיין —
איר — קומענדיקע וועלט־באַצווינגער!
(זיי האָבן פאַר צער געררייבערט בוקאָווע בלעטער
און געטרונקען ביינ־און־ביינציק־גראַדיקן אָקאָוויט.)

געפּרוירן־געבראָכענע פענסטער־שייבלעך, לעכערדיקע שיך,
דין־העלזעריקע פרייבט, און אין דער טונקל אַ צי
פון אַ פרעמדן, גישט־דעררויכערטן פּאַפּיראָס, און אָנאַני —
אומענדלעך, נעכטלעך, טוצנווייז, חידושמדיק —
און אָפּגעוואַרט
האָט איר די קינדער־יאָרן ביי אַ באַן, און האַרט

גאָקעטע לידער

פאַרדינט אַ דרייער ביי אַ פרעמדן סוחר פאַר די שווערע פעק,
און דאַן האָט איר געקויפט אַ מעשה־בוך אייך, פול מיט וווּנדער
[און מיט שרעק;
איז דאָס געווען דער טרוים פון איירע קינדער־יאָרן,
וואָס זענען אומדערפולט, אומאויסגעלאַכט, אָן ווידערקער אַוועק.

און דרייצן־יעריק שוין אין פרעמדע שטעט,
דורך טונקלע פאַרבלאָטיקטע נעכט, דורך שכורע זעלנער,
פון בעלי־בתים געבּרענט, פון בעלי־ביתטעס געבּראָטן,
וואָס האָבן מיט אַן אייביקן חשד
אויף איירע ערלעכע, הונגעריקע, מידע הענט געקוקט.
און דרייצן־יעריק זענט איר שוין אַריינגעטראָטן
אין סעקטן, קאָנספּיראַציעס און פאַרבאָטענע בראָשורן,
און אייביק דיסקוטירן.
אַזוי האָט זיך אַריינגענאָגט די שלאַנג פון אומרחמנות
פון צערטרעטן און פון אויספירן.
און געוואַרט האָט איר ביים האַרטן ביסן ברויט,
און ס'איז אייך נאָנט אַזוי געוואָרן חבר טויט,
אַז ער פלעגט קומען אָפט,
קומען און אַוועקגיין אומפאַרהאָפט,
און צווזעצן זיך אויף דעם בעט,
און קרעכצן מיט אייך, לאַכן מיט אייך, ביי אַ שאַרפן ציגאַרעט;
און האַלב אין טורמעס, האַלב אין קעלערס און אַמאָל אויך אין דער
[פרעמד,

תמיד ביי דעם לעצטן ביסן ברויט, תמיד אין דעם אייגעם,
שווארצן חעמד.
ביז — —
געקומען איז די צייט!
און אז די כוואליע האט אריינגעריסן טיף אין פאלק,
האט עס ארויפגעשליידערט אייך
צו טורעם־שטורעמדיקער הייך.
און אלצדינג איז געווארן אייער ווילן,
ווי אלצדינג איז געווען איינמאל אייער צער.
און ס'האבן זיך צעלאזט אוטאמאבילן
איבער לאנג־געשטרעקטע וועגן אין דער נאכט.
דער ים האט דערוואכט
און אויפגעהויבן שטאלץ די כוואליעס זיינע,
צו טראגן איבער אלע ימען
די שיפן מיט דעם רויטן שטערן פון דער יונגער וועלט־
[גערעכטיקייט.
און ס'איז דער זאמד אין דער מדבר גרייט,
און האט זיך אויפגעהויבן רעדער־דרייענדיק און ברויז, קודלאטע,
[ווי א ווילדע חיה
צו אייער באפעל;
אין די פאבריקן גליט דאס אייזן און מאלט זיך אין די מילן מעל,
און זעלנערס גייען אפ אין טונקעלע וואגאנען, צו ווארפן זיך פאר
[אייך אין פייער,

אונ אין די שטיבער קרעכצן די בירגער: באַדריקער! —
אונ דאָס פאָלק שרייט אויף די גאַסן: באַפרייער!
אונ די וועגן פאָרן, די פאָנען פלאטערן, די רייטער׳ס רייטן,
אונ צוואָנציק־טויזנט שרייבערס גרייטן
די אָרדנונג פונ דער נייער וועלט.

ווייל ס׳איז געשען דער ווילן פונ דער וועלט,
אונ געבענשט איז דער פונ דעם גאַנצן פאָלק, וואָס האָט זיך מיט
[צוויי פיס אין אים אַריינגעשטעלט,
הויך, איבער אַלעמענס קעפ,
אונ קאָוועט אויס אין אייזערנעם טשערעפ
די אייזערנע יסודות
פונ דער נייער וועלט!

פּאָלק

מיר אָרעם פּאָלק,
מיר ליידנדיקע,
מיר פרויען, שוואַנגער, קראַנקהאַפּטיק מיט רויט-צעגליטע באַקן,
בית-הקברות-רויזן,
אונזערע לאַנגע צעפּ קריכן אויס פון טאָג צו טאָג, נאָך פאַר די [יאָרן.
אָ, מיר זענען יונג נאָך — דרייאונצוואַנציק,
און אונזער מוטער-לייב פאַלט אַפּיר פון הונגער און פון שוואַכקייט
און אונזערע ליידיקע בריסטן לעכצן,
און אונזערע קינדער קרעכצן
אָן טרערן.

מיר פּאָלק,
מיר אָרימע, אַלטע גראָהאָריקע מענער,
אונזערע ביינער זענען לאָקער, ווי אַלט קליידערוואַרק,
אונזערע האַלבגעלעמטע פּנימער וויינען פאַר שרעק,
און אונזערע אויסגעטרוקנטע פרויען האָבן ווייניק יאָרן צו לעבן [נאָך;
מיר ווילן זיי די אָרימע פּרנסה געבן,
מיט די מאַזאָליעס פון אונזערע הענט,
און מיט די לעצטע בלוטיקע שמאַטעס פון אונזערע לונגען;
וואָס איז אונז פאַרמעגן, וואָס איז אונז די פרייהייט?
מיר ווילן פאַרקויפט זיין, פאַרקויפט און פאַרדונגען,

מיר ווילן רו, ברויט און אַ געלעגנער פאר די פינעף שעהן פון
[אונזער נאכט.

מיר אָרים פאָלק,
מיר קליינע קראַנקהאַפטיקע קינדער;
אונזערע העלדזעלעך זעגען דין, באַצויגן מיט אַ הייטל דורכזוכטיק
[און ווייס,
און האַלטן קוים די שווערע לאַסט פון קינדערישן קאָפּ,
וואָס בויגט זיך שוין באַצייטנס אויף אַ זייט, מיט צוגעמאַכטע
[אויגן.
מיר ווילן מילך, מילך; ווילן עפּל רויטע,
ווילן גרינע גערטן, און ווילן, אַז די מאַמע
זאָל נישט שעלטן ווען מיר בעטן ברויט,
און ווילן, אַז דער טאַטע זאָל נישט שלאָגן, אַז די מאַמע שעלט.

און איר,
איר בעסטיעס, האַרשזוכטיק און בייז,
אייערע קעפּ רייסט עס צו קרוינען,
צו סצעפּטערס רייסט עס אייערע הענט,
געוועלטיקן ווילט איר —
איבער לענדער, איר, וואָס האָט נישט גאָט אין האַרצן,
איבער פּאַרטייען, איבער הונדערטטויזנט-קעפּיקע אַסיפות,
אין גאָלד-באַטרעסטע שטיבער, ביי רייכע מאָלצייטן,
וויוואַט-געשריי, צייטונגען-לויב,
איר בלוטיקער שטויב:
איר מאָנאַרכיסטן און איר באָלשעוויקן,

נאַקעטע לידער

דעמאָקראַטן, אַנאַרכיסטן און רעפּובּליקאַנער;
מיר ווילן נישט אייערע גליקן
פון די רויטסטע און גאָלדנסטע פלאַקאַטן,
איר צופרידענע סאָציאַל-דעמאָקראַטן.
איר זענט פאַרבּלענדט און איר ווילט נישט זען,
ווי אונזערע מוטערלייבּער פאַלן אַפּיר פאַר הונגער,
אונזערע האָר זענען ווייס,
אונזערע בּיינער פאַלן ווי אַלטע קליידער פונאַנאַנד,
און אונזערע העלדזער האַלטן קוים די לאַסט פון שווערן קינדע-
[רישן קאָפּ.

מיר אָרימע, גערעכטע
גייען איבּער אַלע טעג פון אונזער לעבּן,
ווי די קראַנקע הינט דורך טומלדיקע גאַסן,
בּיים לעבּן פאַרגעסן, בּיים טויט נישט געדענקט,
דורך לעבּנס-פאַרגעסן צו ווערימס-צערפרעסן,
אין שוואַרצער ערד,
פון דער מוטער טראַכט און בּלוט צו דער מוטער ערד,
אומאויסגעוויינט, אומאויסגעהערט.

בּיי אונזערע אָרימע מאָלצייטן רעדן מיר איבּער אייך,
אין אונזערע שלאָפלאָזע נעכט קלערן מיר, ווי איר זענט אַלע רייך,
און אייערע ווייבּער טראָגן גאָלדענע רינגען,
און אונזערע ווייבּער גיט איר אייערע בּענקאַרטעט אויסצוטראָגן,
שענדער!

אײַערע ליגנערישע אײַגנלויב־געװענדער
רײַסט אײַך אַראָפּ אונזער ברעכנדיקער בליק,
װאָס הענגט זיך אָן אָן זײַ נאָך אין דער שעה פֿון אונזער טויט.

מיר געהרגעטע,
זענען די אײַנגעפֿאַלענע פֿערד,
און איר, איר האָט אין אונזערע באַקעס אַרײַנגעשפּאַרט די
[שפּאָרן,
איר דיקטאַטאָרן:
מאָנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן, דעמאָקראַטן.

וואַסער-טרינק-ליד

קוואַלנדיק וואַסער, שטראַלנדיק וואַסער,
אַ קוואַל פון דער ערד, אַ שטראַל פון דער ערד!
אין זונעגשיין אויפשיינענדיק,
זיבנפאַרביק, אײביק!
סע ציט די נשמה דעם ריח איין,
און וויל אים אין בלוט צערפירן.
זיבנפאַרביק איז דאָס קרישטאַל-וואַסער-גלאָז,
און פאַרבט דאָס בלוט מיט זיבן קאָלירן.

העל-גרינע בענקשאַפט ציט אין בלוט אריין,
בלאָ-פאַרביקע האָפנונג שליכט די אויגן מיין,
געלע פלים-פייערלעך שלעפערן איין,
און לילאַ-פאַרביקער טרוים קומט אויף,
רויזפאַרבענע ליבע הילט איין, הילט איין,
און די ליפן מאַכן זיך אויף און קושן,
און קושן אומענדלעך און זינגלעך און רויט
וואַסערס קרישטאָלענע פראַכט.

הויב אויף דיין גלאָז צו דער זון,
די ברודער פון דער ערד,
טרינק ברודערשאַפט מיט דעם בוים, מיט דעם פריינט,
וואָס ס'פאַלט אויף אים דערזעלבער זונענשטראַל,
וואָס טרינקט מיט דיר פון דעמזעלבן קוואַל.

געזאַנג פון דער דערפולונג

און צו דערפולונג שטרעבט די קרעאַטור,
און צאַפּלט פיבערנדיק מיט אַלע אָדערן פון איר לייב;
און די דערפולונג איז ליבע און לעבן,
און ס׳איז די דערפולונג דער טויט.

אויף זיינע צוויי הינטערשטע פיס
שטעלט זיך דער בוהיי אויף,
אַזוי ווי אויף צוויי מאַכטיקע זיילן,
און זיין געוואַלטיקער לייב איז ווי — אַ —
אויפגעקניפּטער פייערבונד פון הונדערטטויזנט צונגען,
און זיינע לונגען
אָטעמען שווער, און צערייסן די לופט מיט אַ הויכן געבריל;
און זיין ווייב וואַרט אויף אַלע פיר צוגעשפּאַרט צו דער ערד,
און וויל.

און אַלע צענטויזנט צווייגן קניפּט אויף זיך דער בוים
סאַמע אין האַרבסט,
לאָזט דורך זיינע אָדערן שטורמען דעם ווינט,
און לאַשטשעט זיך אָן זיינע באָקעס,
און זינגט אַן אויסגעלאַסן ליד פון דער לוסט,
אין דער נאַכט.
און דער זאָמען שפּרינגט פון יעדן בלאַט באַזונדער,

און לאָזט זיך פֿליִען איבער דער נאַכט,
זוכנדיק, זוכנדיק דעם שויס פֿון דער ערד.

און דער גייסטיקער מענטש,
קניפּט אויף די געדאַנקען אין זיינע נעכט,
ליידנשאַפֿטלעך ציטערנדיק צום צוהערער, זיין פֿריינט,
ווי דער זעכצניעריקער צו דער צוואַנציקיעריקערס
נאַקעטיקע גלידער.
און די געדאַנקען
הויבן זיך אויף אויף די צוויי זיילן פֿון זיין ווילן
און זעגען ווי אַ אויפגעקניפּטער פייערבונד פֿון הונדערטטויזנט
[ציילן
צו איין מקוים=ווערן.

מ אַ מ ע ע ר ד

מאַמע ערד,
באַלאָדן מיט דעם אָנבליק פון זעלבסטמערדער,
וואָס ליגן מיט אויפגעריסענע בייכער
אין אַ טויטנקאַמער פון אַ שטעטישן שפּיטאָל,
מיט אויפגעמאַכטע גלעזערנע אויגן,
קום איך צו דיר.

ווער דען זאָל טרייסטן אין דער שעה פון דער נויט,
מאַמע ערד?
מיין קול איז הייזעריק, מיינע אויגן רויטע
פון געשריי. גיב מיר אַ קבר פאַר מיינע טויטע
פון היינט און פון אַלע מיינע יאָרן,
פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר פריינט, פאַר ברידער און פאַר קינדער.

קינדער בושעווען אין גריבס פון דיין פרילינג,
פאַרליבטע שלאָפן אין דיין בעט אין זומערדיקע נעכט,
און דאָס ווייב טרעט שווער אויף דיר
בשעת זי טראָגט מיט שטאָלץ די קרעאַטור אין בויך
וואָס דו וועסט צודעקן אַמאָל.

איז טרוקן דאָס יאָר,
מאָגער די פרוכט פון דיין קאָרן,
און דער קייזער שלעכט,

הויבן זיך אָן די רעוואָלוציאָנען אין דעם הונגעריקן פאָלק,
וואָס וואַלגערט זיך אויף דיר.
און אין דיר ענדיקן די רעוואָלוציאָנען,
און דאָס פייערדיקע בלוט פון געשאָכטענע, געשאָסענע, געהאָנגענע
פאַרפוילט אין דיין אומענדלעך שווארצן לייב,
און ווערט צו מיסט, צו גראָז און צו שוואַרצע ווערעם.

איבער ווייטע סטעפּעס ציען זיך די טייכן
אויף דיין געדולדיק לייב, מאַמע ערד.
און דער העכט פרעסט אויף דאָס יונגוואַרק פון די ווייסע פיש,
און שפּרינגט פון פרייד אַמאָל אַפיר פון וואַסערשפּיגל,
און גלאַטיק ווערט דאָס וואַסער,
ווייטער. —

דורך די הייסע פעלדער ציט דער זומער־ווינט,
די טשערעדע ליגט און מאַלאַגיירעט.
רופט דער פאַסטוך די פאַסטושקע צו זיך
און באַצווינגט זי;
און דער אָסיענווינט באַצווינגט דעם זאָמען פון די ביימער,
און באַגראָבט אים אין דיר, מאַמע ערד,
און פאַרגעסט —
אָבער אין פרילינג קומט אויף די בליונג.

די בעטלער פון דער גרויסער שטאָט
ווערן שיכור מיט דעם אָפּשוים פון דעם שענקפאַס,
און גייען צו צום ברעג פון טייך,

און פאַלן אויף דעם פּנים גלייך,
און אָטעמען אין שלאָף דיין שוואַרצן ריח, ערד!
און די משוגעים טאַנצן אויף דיר
איידער דער וואָרעם פון געהירן־פוילונג וואַרפט זיי פון די פיס,
מאַמע ערד.

און אַנדערע משוגעים שטאַרן מיט אַראָפּגעלאָזטע ווילדע אויגן,
אין צווייען איינגעבויגן,
אָט, אָט צוצופאַלן צו דיר, מאַמע ערד.

און אַז דער בעטלער, וואָס בעטלט פון שוועל צו שוועל
וויל אויפעסן זיין בעטל־ברויט,
פאַלט ער קניענדיק אויף דיר, און שלעפּט אַפיר דאָס שוואַרצע
[מעסער,
און שניידט, און קייט.
און צו וועמען דען זאָל ער זיך צושפּאָרן, אַז מען טרייבט אים פון
[שוועל צו שוועל,
און ער איז בייז און וואָלט צופליקט די ליידיקע בעטל־טאָרבע,
מאַמע ערד?

די רייסנדיקע פערד פון ווילדע שלאַכטן קאָפּען אויף
דיין וווּנד־באַדעקט לייב.
און אין אַ דינעם שנירל ציט זיך דאָס שוואַרצע פערדישע בלוט
פון געוואַלדיקע פערד־פּגרים און ווערט איינגעזאַפּט.

מענער זענען גרויס און ווילד און רוי און בייז,

נאַקעטע לידער

און גייען נאָך נאָך אַקעראַייזנס און נאָך בראָנעס,
און האָפּן,
און דער שוואַרצער פויגל טרעט נישט אָפּ זייער ביזן שריט,
און פרעסט דעם אויפגעאַקערטן וואָרעם.

מאַמעס באַגראָבן די קינדער אין דיר,
און קושן די קברים און ווערן רויק,
אין האָפּענונג אויף ווידער־פאַרייניקונג מיט דער פרוכט
פון זייער לייב — אין דיר,
מאַמע ערד.
אין דער צייט פון מיין חולאת בין איך צו דיר געקומען,
און געגעסן דיין ברויט, און געטרונקען די מילך פון דיין גראָז,
און געוואָרן זאַט און פעט און געזונט.
און איצט איז מיין נשמה קראַנק און אויפגעריסן און בלוטיקט,
זוך איך מיין טרייסט ביי דיר —

אַז די נשמה בלוטיקט איז די זון קאַלט,
און די שטערן פאַרשטיי איך נישט,
מיין פאָלק קוקט ווילד און פרעמד ווען איך רעד און גייט פאַנאַנדער,
קיין גאָט האָב איך נישט,
און קיין פריינט אויך נישט;
ווייל אַלע מיינע בעסטע פריינט גלייבן אָן גאָט, און ווי קאָן איך גלייבן
[אין זיי,
אַז זיי אַליין זענען שוואַך און גלייבן?
אָבער פון דיר ווייס איך, אַז דו ביסט מיין מאַמע
ערד.

נעם אָן מיט ליבע מיינע טויטע פון היינט און פון אַלע מיינע
[יאָרן!
די קלאָרקייט פון מיין גייסט וועל איך דיר איינמאָל געבן גאַנץ,
ווען איך וועל דערשפּירן אין געהירן
דעם ערשטן, לייכטן טאַנץ
פון שגעון —
דאָס וואַסער פון מיין בלוט צו דיינע וואַסערן,
דער שטויב פון מיין לייב צו דיין לייב;
און מער בין איך נישט,
און קאָן דיר מער ניש געבן
אין דער רגע פון טויט.

דער תוכן

I

אויף דער שוועל

מיין האַרץ איז אין מיין לעבן 7
דו ביזט אַן אָרים, אָרים קינד 8
ווינטער .. ..
טריט אין שניי 10
צו א. מ. פ. 11
לאַכנדיקע אויגן 12

II

אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט

ביים פענסטער 15
תפילה 16
דער מוטער 17
ליבע 18
צו שטילע ליידן האָט גאָט פערמשפט 19
דער אַנדערער 20
ליד 21
בלוט 22
פאַר זיי I 23
פאַר זיי II 24
שופטים ח, יח" כא 25

דער קרן

III

רואינענגראָז

שער	29
דאָס ליד פון ווערן	31
פון די לידער פון קנעכט	32
איוואַן	33
אויפאָטמען	35
און ווו קאָן איך גיין	36
קצבים	37
מיר קומענדיקער דור	41
פאַרברידערונג	42
שטומע וויליגונג	43
דאָס פאַרביקע ליד פון דער שנאה	44
זינגט אויף דער גייסט	46
אַלוועלט־ליד	47

IV

שפינאָזא

ליד פון זיין יוגנט	51
דער חרם	54
ריינסבורג	58
ליד פון זיין עלטער	60
דער טויט	62
דער לעצטער טאָג	64

דער קרן

טעאָלאָגיש פּאָליטישער טראַקטאַט	66
די בריף	68
די עטיק, געדאַנק	70
די עטיק, גאָטבאַגריף	71
מענשלעכע דערקענטניש	73
פּאַל	75
אָפּטימיסטיש ליד	76
רו	78
אין ליכט	79
אָפּהענגיקייט	81
קאַטעגאָריש ליד	83

V

פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן

דער מענש און זיין גאָט	87
אָדמס מוטער	89
דער מוטערס טויט און אדמס ליבע	90
דער מענש און דער שכן	92
דעם אָדמס געבעט	94
אדמס טויט	96

VI

נאַקעטע לידער

וואָס איז דער דיכטער	101
אַ שטיל רויזנליד	105

דאָס לעצטע ליבעס־ליד 107
קינד 108
אַקעגנאיבער פון מיין פענסטער 110
איך האָב געזען אַ פרוי 112
שוואַנגערע פרויען 114
די פאַרשטויסענע צו די אָרימע 116
פראָלאָג צום וועגעטאַרישן עוואַנגעליום 117
פערד 118
טויטע קינדער 121
די משפחה ראַוויטש 123
שוין פראַוועט דער לעצטער וואָרעם 126
דער עגאָצענטריקער 128
חלף 130
מאַניפעסט צו די גראַפאָמאַנען 132
דאָס איינזאַמע ליד פון מיין לעבן 134
טאָלסטאָישע אידיליע 136
דעם לעסטערערס ליד 137
דרייטויזנט יאָר 139
די תפלה פון אַ רעוואָלוציאָנער 141
די אידעאַליסטן 143
פאָלקס־פירער 145
פאָלק 149
וואַסער־טרינק־ליד 153
געזאַנג פון דער דערפולונג 154
מאַמע ערד 156

דער קרן

נאָטיצן:

„אויף דער שוועל...“

יוגנט פּאָעזיעס. I ... פון מיין היים. II ... פון יוגנט־טרוים און ליבע. III ... פון מענשנס־זעלן און מענשנס־הערצער, IV... פון אָפּוועגן.

„אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט“

אין בוך־פאָרם נישט דערשינען, צוליב דעם אויסברוך פון קריג. פאַרעפענטליכט דערפון: 10 געדיכטן אין אַ ציַיטונג אין לעמבערג אין יאָר 1914, 17 געדיכטן אין זאַמלבוך „Inter Arma“ ווין 1918

„רואינענגראָז“

41 געדיכטן, זענען דערשינען אין בוך־פאָרם.

„שפּינאָזאַ“

פּאָעטישער פּרווו אין פיר ציקלען: I. דער מענש. II. דאָס ווערק. III. די שפּין. IV. קטורת.

„פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן“

25 לאַנדשאַפטן און באַלאַדן. דערשיינען אין בוך־פאָרם אין וואַרשע 1922

„נאַקעטע לידער“

I. געזאַנג פון געזאַנגען. II. די בויט. III. שטאַרבען. IV. פּרויען־נשמה. V ליבע פון יחידים. VI. נאַקעטע דיכטער־נשמה. VII. דעם לעסטערערס לידער. VIII אין שטורם. IX. וועגעטאַריש עוואַנגעליום.

דער קרן

פון דעם אייגענעם מחבר:

א ו י ף ד ע ר ש ו ו ע ל...
יוגנט־פּאָעזיעס, לעמבערג 1912
*
ר ו א י נ ע נ ג ר אָ ז
געדיכטען, ווין 1914
*
ש פּ י נ אָ ז אַ
פּאָעטישער פּריוו, ערשטע אויסגאַבע, ווין 1918
צווייטע, פאַרענדערטע אויסגאַבע, ווין 1921
*
נ אַ ק ע ט ע ל י ד ע ר
ווין, 1921
*
ג אַ ל י צ י ע
אַן אַנטאָלאָגיע פון גאַליציש־יידישער דיכטונג, וואַרשע 1922
*
פ ר ע ה י ס ט אָ ר י ש ע ל אַ נ ד ש אַ פ ט ן
וואַרשע, 1922

צוגעגרייט ווערן:
ש פּ י נ אָ ז אַ דריטע, דעפיניטיווע אויסגאַבע
און נייע, צום טייל פאַרגרעסערטע און פאַרענדערטע אויסגאַבן פון
„נאַקעטע לידער" און „רואינענגראָז"

דער קרן